STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08268

NIT TSU DERTSEYLN

Michel Licht

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מיכל ליכט / ניט צו דערציילן

PROHIBIDA LA VENTA DE ESTE LIBRO
Obsequio del autor para fines
de crítica y bibliografía

ביכער פון מיכל ליכט

עגאָעמען און אַנדערע לידער, ניו־יאָרק, פאַרלאַג „לאָגלען״, תרפ״ב.

וואַזאָן פאַרלאַג „אידיש לעבן״, ניו־יאָרק, 1928.

פּראָצעסיעס און אַנדערע לידער. פאַרלאַג געליע, ניו־יאָרק, 1932.

לעצטע לידער, בוענאָס איירעס, 1954.

ניט צו דערציילן (דערציילונגען), פאַרלאַג געליע, בוענאָס־איירעס, 1955.

איבערזעצונגען

יורגען פון דזשיימס ברענטש קעבל. פאַרלאַג „גראָהאַר און סטאָדאָלסקי״, 1929, ניו־יאָרק.

מאָדערנע אַמעריקאַנער פּאָעזיע, פאַרלאַג געליע, בוענאָס־איירעס, 1954.

מיכל ליכט

ניט צו דערציילן

(דערציילונגען)

★

פאַרלאַג געליע
בוענאָס־איירעס
1955

פאָדערבלאַט געצייכנט פון עוועלין מאַרקון ליכט

Copyright 1955 by Evelyn Licht

MICHEL LICHT

NO ES PARA CONTAR

(Cuentos)

מיכל ליכט / ניט צו דערציילן

אינהאַלט:

הקדמה פון נ. ב. מינקאָוו 9

אָונט 13

דער לויטערער טורעם 17

ישימות 23

Cui Bono 29

גילדערנע יויך און צינערנע לעפל 37

אַ זומער פּאַסטליוד 43

וואָס צום טיוול איז דאָס? 49

מאַלפּן־טאַנץ 55

אַ ווײַלע אין דמשק 61

די ווײַלע: דערלענגערט 65

יעדע ווײַלע האָט איר סוף 68

חיענע 75

קאַפּיטלען פון אַ ראָמאַן 79

דער קאַטשקעס שנאָבל 91

אַ צווישנפּלאַנעטן עפּיזאָד 97

זינט מיכל ליכטס פריצייטיק אַוועקגיין פון אונדז, דעם 10טן יוני, 1953, זענען אַרויס זיינע „לעצטע לידער" און אַ זאַמלונג איבערזעצונגען „מאָדערנע אַמעריקאַנער פּאָעזיע". אין דער איצטיקער זאַמלונג געפינען זיך ליכטס דערציילונגען.

„חיענע", זיין ערשטע דערציילונג, אָדער ווי ער האָט זי אָנגערופן — סקיצע, איז געווען געדרוקט אין ניו־יאָרקער „טאָג", דעם 9טן מאַי, 1917. דאָס געהערט צו זיינע „חטאת נעורים". אַזוי האָט ליכט באַטראַכט זיין ערשטע פּראָזע־זאַך. עס איז אַ פאָרמעלע דערציילונג, געשריבן אין באַקאַנטן רעאַליסטישן נוסח. פאַראַן דאָרטן אַ קלאָרער סיפּור־המעשה. די 18־יאָריקע טויב־שטומע חיענע וווינט מיט איר משפּחה, לעבן באָד, הינטער דער שטאָט. אַ חוץ איר פאָטער נחום דער שטאָט־בעדער, זיין פרוי שרה, דער אומגליקלעכער טאָכטער, וווינט מיט זיי דער באָד־הייצער, דער גוי פּיאָדאָר. דאָס מיידל ווערט פון אים שוואַנגער. נאָכדעם ווי זי איז שוין אַ מאַמע, גייט זי אַריין אין טייך, מיטן עופעלע אויף די הענט, און פאַרשווינדט. דער איינציקער ניט־אינגאַנצן רעאַליסטישער שטריך אין ליכטס פּראָזע־ערשטלינג איז דאָס באַשרייבן אַ זעלטענע, אויסטער־לישע געשעעניש, ניט כאַראַקטעריסטיש פאַרן געוויינטלעכן טאָג־טעגלעכן לעבן.

אין אָקטאָבער־נאָוועמבער נומער „פעדער", אין יאָר 1919, דרוקט ער אַ פראַגמענט פון אַ ראָמאַן, וואָס ער האָט קיינמאָל ניט פאַרענדיקט. אויך אָט דער פראַגמענט איז אָנגעשריבן אין רעאַליסטישן נוסח. די „קאַפּיטלען פון אַ ראָמאַן" האָבן אַ סך ביאָגראַפישע פּרטים.

די ערשטע אָנצוהערעניש אין באַהאַנדלען אַ טעמע אויף אַ נייעם מאָדערנעם אופן ווייזן זיך אין זיינע צוויי זאַכן — „אַן אָונט", געדרוקט

אין „אין זיך", יוני, 1920; און „דער לויטערער טורעם", דערשינען אין „לאַגלען", דעצעמבער, 1921. ניטאָ אין זיי דער אַנגענומענער אינהאַלט פון אַ דערציילונג, די „טאָטאַליטעט" פון אַ געשעעניש אָדער עפּיזאָד. אין זיי זענען פאַראַן נאָכטראַכטעענישן און שטימונג־שאַטירונגען. דאָס איז אַ מין פּרווו איבערצוגעבן די „מסעות" פונעם אונטערבאַוווסטזיין. אַ סך בולטער זעט מען עס איז זיינע ווייטערדיקע דערציילונגען, אָנגעהויבן מיט „אַ ווילע אין דמשק", — אַ ווענדפּונקט אין ליכטס שרייבן קינסטלערישע פּראָזע.

„אַ ווילע אין דמשק" איז געווען געדרוקט אין „אין זיך", דעצעמבער, 1922. די דאָזיקע דערציילונג שטימט אײנגאַנצן מיט דער עקספּרעסיאָ־ניסטישער פּאָעזיע פונעם זשורנאַל. דאָ איז דער נייער נוסח שרייבן זייער בולט. דער סיפור־המעשה איז דאָ אינגאַנצן ניט וויכטיק: ער זעט אַ יונגע פרוי אין סאָבווײ, גייט איר נאָך, זעט זי שפּעטער דורך די פענצטער אין איר הויז, טראַכט פאַרשיידענע מחשבות, לעבט דורך אַלערליי געפילן און, לסוף, גייט ער אַוועק. דאָ קומט צום אויסדרוק דער סימבאָל: — דאָס זוכן גליק. דמשק ווערט דער סימבאָל פון שענסטן אין דער מדבר פון מיאוסערווירקלעכקייט. אין אָט־דעם ניט דערגרייכטן גן־עדן לעבט ער בלויז אין זיין דמיון.

מיט אַכט יאָר שפּעטער — יאַנואַר, 1930, „אין זיך" — דער־ציילט ער אונדז וועגן זיין דמשק אין „אַ ווילע פאַרלענגערט". די ווילע האָט זיך געצויגן די אַלע יאָרן אין זיין קונסט־וועלט, אין דער וועלט פון דוכטעניש, וועלונגען און טרוימען. אָבער אויך אין דער ממשלה פון כולו שלימות שלאָגט ער זיך אָן אויף פאַרזעעניש. „יעדע ווילע האָט איר סוף" איז די דריטע דמשק־דערציילונג, פעברואַר, 1930, „אין זיך". גענאַרט אין דעם נייעם אויסגעטראַכטן לעבן, אין דער גאַנצער דמשק־סביבה, וויל ער „ליקווידירן" זיין פאַרטראָגענעם ראָמאַנטיזם. און ער חלומט וועגן אומקערן זיך צוריק קיין פלינסק, ווו ער האָט צום ערשטן מאָל דערזען די וועלט. געמיינט האָט עס — זיך אומקערן צום פּרי׳ערדיקן לעבן, צום לעבן פון איינגעשטעלטע יסודות, טראַדיציעס. אָבער קיין פלינסק קען ער זיך ניט אומקערן. „דעם שלאַנג־ און עקדיש־שליאַך וועל איך ניט קרייצן". „חיות רעות וואַנדאַלעווען אַרום איבער דער גאַנצער געגנט". אָבער זיין אומקערן זיך פון דעם אויסגעטראַכטן גן־עדן באַטראַכט ער ניט פאַר אַ

„פּיאַסקאַ״. „צוריקצי׳ענדיק זיך פון דמשק... איז ניט מער ווי די לינקע זייט פון גליקזוך־מעדאַל, געווים מיט אַ נייעם צוגאַנג, צו אופן און סדר״. און ער קערט זיך אום צו אַ טיפערער איינזאַמקייט פון „איך״, וואָס „איכט״.

צווישן זיינע פּאַפּירן געפינט זיך אַ פאַרצייכענונג: — „עפּיגראַף צו „אַ ווילע אין דמשק״: כ׳האָב געזען אַ זעאונג און געהערט אַ הערונג״.

די דריי דמשק־דערציילונגען זענען, ווי דערמאָנט, וויכטיק מיטן נייעם אופן שרייבן דערציילונגען. אַזוי זענען אויך די איבעריקע פּראָזע־זאַכן: „שמות״, געדרוקט אין זשורנאַל „1925״, אַפּריל, 1925; „מאַלפּן־טאַנץ״, דאָרט, מערץ, 1925; „אַ זומער־פּאָסטלוד״, מערץ־אַפּריל, 1926; „גילדערנע יויך און צינערנע לעפל״, יוני, 1926; „וואָס צום טייוול איז דאָס?״, נאָוועמבער־דעצעמבער, 1927 און „קואי באַנאַ״, מאַי, 1930. די לעצטע פיר דערציילונגען זענען געווען געדרוקט אין „אונדזער בוך״.

די נייקייט אין זיי אַלע איז — אַריבערגיין די גרענעצן פון דערווירקלעכקייט, אָפּווישן די מחיצות צווישן באַוווּסטזיין און אונטערבאַוווּסט־זיין, פאַרצייכענען ווייטע פאַרבינדונגען, קלאָרע און נעפּלדיקע, לאָגישע און אומלאָגישע, פאַרשטענדלעכע און איראַציאָנאַלע, באַשטענדיקע און צופעליקע. און עס באַקומט זיך אַ ווירקלעכקייט אין עטלעכע פּלאַכן אין דער וואָר, אינעם חלום, אין פאַרלאַנגען און אין דוכטענישן. דאָס אַלץ האָט אים אינטערעסירט מער ווי דער סיפּור־המעשה, וואָס לאָזט זיך גרינג איבערדערציילן. דערפאַר דער נאָמען פון זאַמלונג — „ניט צו דער־ציילן״. דעם דאָזיקן נאָמען האָט ער אַליין אויסגעקליבן. די דערציילונגען לאָזן זיך טאַקע נישט איבערדערציילן ווי גאַנצע, פאַרענדיקטע עפּיזאָדן, אין דעם זינען געהערן ליכטס דערציילונגען צום „נייעם מין שרייבן״ פּראָזע אין די 20־ער און 30־ער יאָרן אין דער וועלט־ליטעראַטור.

קיין סך דערציילונגען האָט ליכט ניט געשריבן. די לעצטע דערציי־לונג זיינע — „קואי באַנאַ?״ — האָט ער אָנגעשריבן מיט אַ 25 יאָר צוריק. צווישן די 15 דערציילונגען אין דער איצטיקער זאַמלונג געפינען זיך צוויי איבערזעצונגען — לעס ראָבינסאָנס „דער קאַטשקעס שנאָבל״ און סלעיטער בראונס „אַ צווישן־פּלאַנעטן עפּיזאָד״. זיי שטימען מיט ליכטס אופן שרייבן, אַפילו מיט זיין סאַטירע און הומאָר.

פאַר דעם ליטעראַטור־היסטאָריקער און קריטיקער זענען ליכטס דערציילונגען וויכטיק ווי אַ נייער עקספּרעסיאָניסטישער מעטאָד. אויך דער אינהאַלט, אויף וויפל ער איז דאָ אין די דערציילונגען, איז — שטריכן פון אַ באַשטימטער תקופה נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה. אַזוי ווי דאָס אונטערבאַוווסטזיין קומט צום אויסדרוק אין ליכטס דערציילונגען, האָבן זיי אין זיך אַ סך ביאָגראַפישע עלעמענטן. עס איז מער ווי אויטאָ־ביאָגראַפיע, עס איז — פּסיכאָגראַפיע.

ליכט האָט ניט באַוויזן דורכקוקן און רעדאַקטירן זיינע דערציילונגען. עס איז שווער צו זאָגן, וואָס ער וואָלט אויסגעבעסערט און וואָס נישט, ווייל ער האָט געהאַט זיינע אייגענע איינשטעלונגען. האָבן זיינע מקורבים איבערגעלאָזן אַלץ אַזוי ווי ער האָט געשריבן.

נ. ב. מינקאָוו

יאַנואַר, 1955.

אָ װ נ ט

קיינער איז אין הויז נישטאָ.

איך זיץ איבער אַ טיש, אויף װעלכן עס ליגט אַ שיין־קײלעכדיק, גלאַנצנדיק גלאָז, און אונטער דעם ליגט אַ װוּנדערבאַר שיין אויסגענייט שטיק לײַוונט. די אויגן פון דעם לײַוונט געפעלן מיר נישט. מײַן שװעס־טער, וואָס האָט די אַרבעט געמאַכט אײדער זי האָט געהייראַט האָט זיך, ווייזט אויס, צוגעאײַלט מיט דעם פאַרענדיקן די בלומען, די רויזעלעך און די געשטיקטע טעפּ און קיין צייט נישט געהאַט זיך אַרײַנצוטראַכטן אין דער לעכערלעכער קאָמבינאַציע פון קאָלירן. האָט איר שוין װען געזען אַ בלויע רויז? אָדער אַ רויטע צווייג? צי אַ ווײַאָלעטענעם טאָפּ? און אפשר האָט זי, אויסוועבנדיק דאָס לײַוונט, געטראַכט וועגן איר צוקונפט — ווי לעבט זיך עס אין פאַרהײַראַטן לעבן? וועט דאָס ערשט־געבוירענע זײַן אַ ייִנגל אָדער אַ מיידל? וועט עס זײַן אַ דאָקטער, צי אַ פידל־שפּילער? אויב אַ מיידל, טראַכט זי, איז אינטערעסאַנט צו וויסן, וועלכע פּיאַנאָ איז די בעסטע... און, אלנפאַלס, מאַכט גאָר די גוטסקייט פון אינסטרומענט נישט אַזוי פיל אויס. בפרט פאַר אַן אָנפאַנגער.

און פּילײַכט איז גאָר דערפאַר דער לײַוונט נישט קיין געראָטן־אויס־געוועבטער. אַרײַנקומענדיק צו אַ פאַרהײַראַטער פרײַנדין אין הויז, האָט זי מסתמא געזען אַזאַ אויסנייען, און האָט גלייך אויפן פּלאַץ קאָפּירט עס ביי זיך אין קאָפּ. אַצינד אָבער איז זי נישטאָ אין הויז. אַוועק אין טעאַטער מיט איר מאַן. „דער טאָג" האָט אַנאָנסירט בן־עמיס שפּילן אין פּרץ

הירשביינס „די פוסטע קרעטשמע״. בן־עמי. וואָס פאַר אַ מערקווירדיקער שפּילער דאָס איז. טאָמאַשעווסקי איז אויך נישט שלעכט. נו און יעקב פּ. אַדלער?

פאַרוואָס האָט בן־עמי קיין מיטעלן אות ניט אין זיין נאָמען? אָ, ער איז דאָך ערשט אַ נייער, פריש פון יענער זייט. יעקב פּ. אַדלער פלעגט אויך הייסן פּראָסט יעקב אַדלער צוריק מיט יאָרן, אָבער ער איז דאָך שוין אַ שטיק צייט אין אַמעריקע, און אַז מען וויל איז טאַקע שענער אַ מיטל־נאָמען. אַז מען האָט, אָדער מען גיט זיך אַליין, אַ מיטל־נאָמען, שרייבט מען דאָס מייסטנס נאָר מיט אַן אות, ווי למשל „פּ״. פּיערפּאָנט. ניין, דאָס קען נישט זיין אַדלערס מיטל־נאָמען. דאָס איז דאָך דעם מאַגנאַטס מיטל־נאָמען. און אפשר טאַקע דערפאַר הייסט ער „פּ.״, ד״ה אַדלער האָט זיך אַזאַ נאָמען געגעבן, ווייל דעם מאַגנאַטס איז אַזאַ.

מאַרטין ליגט אין בעטל. ער מאַכט זיך ווי ער שלאָפט. איך הייס ביי אים מ־נ־יאַ־יאַ. ער ווייסט נישט, אַז איך בין זיין אָנקעל, זיין מאַמעס ברודער. ער איז אָבער צוגעבונדן צו מיר, פּונקט ווי איך ביז צו אים. קען זיין דערפאַר וואָס מיר זענען צוזאַמען. אַ געלעכטער, ווי ער האָט פאַרמישט דעם סדר פון גריסן זיך און געזעגענען. אַוועקגייענדיק פון הויז זאָג איך צו אים „זיי געזונט״ און ער שרייט „העלאָ, העלאָ״. און ער קוקט אָפילו נישט אויס, ווי ער לאַכט פון מיר. ער זאָגט דאָס פּונקט ווי ער מיינט דאָס. „העלאָ, העלאָ״. און אַראָפּלויפנדיק פון די שטיגן הער איך נאָך אַלץ „העלאָ, העלאָ״ אין מיינע אויערן. אין גאַס אָבער פאַרגעס איך באַלד אין אים.

פריִער פאַר אַלעמען באַמערק איך אַ פרוי פון אַ יאָר דרייסיק, וואָס איילט זיך גלייך מיט מיר צו דער אַרבעט. איך פּרוּוו קריגן אַ פּלאַץ ביי איר זייט אין וואַגאָן. איך נעם אַרויס פון קעשענע מיין מאָרגן־צייטונג. די ליגע פון נאַציאָנען. רוסלאַנד. בלאָקאַדע. באַלפור. ציוניסטן. איך מיש איבער אַ בלאַט. אַן אָרעמע סטענאָגראַפיסטין פאַרקלאָגט אַ רייכן אַלטן מאַן אויף אַ סך טויזנטער אַלס באַלוינונג פאַר אַ „געבראָכענעם צוזאָג״. מיין שכנטע קוקט שנעל אַריבער אין מיין זייט און פאַרטיפט זיך אין דער נייס. איך קוק אויף אירע קליינע שיכלעך פון סאַמעט. דער פאַסאָן פון אַ מיניאַטור דעזשקעלע. די זאָקן זענען פון זייד־בראָקאַט און דער פוס זעט זיך שיין אַרויס פון זיי. דאָס קליידל וואָס זי טראָגט איז קורץ

און דערפֿאַר זעען זיך אַרויס די פּיס ביז צום דיקן פֿלייש ביי די קני. די הענט אירע זענען געפּוצט. איין האַנט איז שטייף אַרומגענומען מיט אַ הענטשקעלע. די צווייטע האַנט אירע איז הויל און מיט אירע לאַנגע, צאַרטע שפּיציקע פֿינגער וועקט זי ביי מיר אַ בענקשאַפֿט. איך בענק נאָך עפּעס. נאָך עמעצן. די נעגל זענען ראָז געלאַקירט מיט נעגל־פּוץ און די שפּיצן זענען ווייס, ווי קיין שום ווייסקייט איז נישט. באַלד דערמאָן איך זיך, אַז באַגעגענענדיק זי אין גאַס האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז איר נאָז איז לענגער ווי זי וואָלט באַדאַרפֿט צו זיין. איך וואַרף אַ זייטיקן בליק אויף איר. זי הייבט אויף דעם קאָפּ פֿון מיין צייטונג און גלייכט זיך אויס, וועלנדיק אויסזען ווי אַ ווירדיקע סטאַטוע. זי פּרוווט אַרויפֿצוּציִען אויף זיך די מאַסקע, וואָס די פֿרוי מוז טראָגן פֿאַר יעדן אומבאַקאַנטן מאַנסביל. און אפֿשר פֿאַר יעדער אַנדער פֿרוי. אַפֿילו באַקאַנטע. איך וועל נאָך מעג־לעך שרייבן וועגן דעם.

מאַרטין כאַפּט זיך אויף און צעוויינט זיך. איך געדענק גאַנץ גוט די אינסטרוקציע פֿון מיין שוועסטער. אויפֿן שטילעכל ליגט אַ ליילעך, דאַרף מען דאָס אים אונטערלייגן, און אָנוואַרעמען דאָס פֿלעשל. האַלב מילך, האַלב וואַסער.

און ווען איך וואָלט אים געגעבן אינגאַנצן מילך, וואָס וואָלט געשען? אָבער מיט קיין פּלימעניק עקספּערעמענטירט מען נישט. און ער קען נאָך וויינען און נישט לאָזן מיך שרייבן.

אויטאָמאַטיש נעם איך אַרויס פֿון קעסטעלע אַ סיגאַרעט און פֿאַר־רויכער. אין שפּיגל קוקט דאָס אומפֿאַרלאָשענע שוועבעלע נאָענט צו מיין נאָז אויס עפּעס אַזוי מאָדנע ליכטיק־בלוי. איין קנייטש. נאָך אַ קנייטש. איך בין נאָך נישט אַלט, ווי מענטשן רעכענען יאָרן. וואָס קענען די קנייטשן באַטייטן? איך געדענק, ווען איך האָב באַמערקט דעם ערשטן קנייטש אויף מיין שטערן. איך האָב אים שוין פֿיליכט פֿאַרמאָגט אַ היבשע צייט פֿריִער. איך בין דעמאָלט אַהיים געקומען פֿון מיין ערשטער אומגע־לונגענער באַגעגעניש מיט ס. איך האָב זי נאָך נישט פֿאַרגעסן. קען זיין, ווען איך וואָלט זי יאָ פֿאַרגעסן וואָלט איך מער קיין קנייטשן נישט גע־האַט? אפֿשר וואָלט נאָך דער ערשטער שטרייף אויך געווען זיך אויס־געגליכן? און אפֿשר קומען די קנייטשן מיט דערפֿאָלג. דערפֿאָלג ביי פּ. און ר. און ז.?

פ. איז אַ וווּנדערבאַר קלוגע געווען. נישט קיין טיפּיש רוסיש מיידל, אָבער ליב געהאַט צו לייענען. פאַרנאַכלעסיקט צוליב געראַצענען און זשאַ־דאָווסקאַיאַן אירע ביכער איבער פּאַטאָלאָגיע און טעראַפּיע. ר. פלעגט ליב האָבן צו פאַרברענגען. פאַרברענגען פריילעך. טעאַטער, קאָנצערטן, צוקערקעס, גליטש. אַמאָל אַ קוש געבן. אומאַרמען? „דאָס קומט נאָר פאַר ביי דינסטן און פּייערלייט". אַ מאָדנע פאַרדאַמונג.

ר. איז שוין טויט. זיבעצן יאָר אַלט געווען. געשטאָרבן פון האַרץ־ווייטיק — אָן אַ קנייטש אויפן שטערן. איך האָב עפּעס נישט געהאַט קיין שום געפיל צו איר, אַפילו קיין מיטלייד, ווען מען האָט מיר וועגן איר טויט פון דער היים געשריבן. איך האָב דאַן אַליץ געטראַכט ווי אויסצו־דריקן דאָס נייע ליד, וואָס איך האָב געהאַלטן אין שרייבן. עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז די וועלט וועט אויפשטורמען, ווען דאָס ליד וועט אַרויסקומען. אָבער ברוך כאַרנאַם האָט געזאָגט, אַז עס איז אַ פּיצינקעלע זאַכעלע, און איך האָב אומזיסט פאַרשווענדט אַזוי פיל צייט, אומזיסט מי אַוועקגעגעבן. קען זיין, ער איז געווען גערעכט.

— ווי דורשטיק איך בין געוואָרן. אָבער איך בין פויל פאַר זיך אַליין אַ גלאָז טיי צוגרייטן. איך פאַרשעם זיך עפּעס פאַר דעם געדאַנק. איך גיי אויף די שפּיץ־נעגל אין קיך אַריין, אָבער איידער איך שטעל אַרויף טיי אָנצוזוואַרעמען, הער איך אַ ווילדן גערויש און געלויף אין גאַס. און באַלד הער איך דעם קלאַנג און געבראַזג פון פייער־וועגענער און פונקען פליען איבער דער הויך פון פערטן שטאָק אויף וועלכן איך געפין זיך.

איך גיי צו צום פענצטער און בליק פאַרוווּנדערט אַרויס.

דער לויטערער טורעם

נאָכדעם ווי גרשון טאָוויט האָט פאַרלאָרן דעם גלויבן אין זיך — אַ געוווינהייט קולטיווירט פון גרינסטער יוגנט — האָט ער אָנגעהויבן גלויבן אין עמעצן, וואָס האָט פאַרמאָגט, ווי גרשונען האָט זיך געדאַכט, אַלע מעלות און חסרונות, וואָס פילן אויס אַ מענטש. ראַשעל קאָרנגאָלדס עלטערן האָבן ביי גאָט אַזאַ טאָכטער אויסגעבעטן.

טרוימען האָבן פון אומגעהייערער יוגנט אָן אַ גרויסן אָנטייל גענו־מען אין דערווירקלעכקייט פון גרשון טאָוויטס לעבן. און שוועבנדיק פריי איבער אלערליי אוממעגלעכקייטן, האָט ער זיך דאָך איבער אַ טרוים ווי איבער אַ גלאַטן שפּאַציר־וועג אויסגעגליטשט. און די פאַרווירקלעכונג פון דעם טרוים איז געוואקסן אין גרשונס סוב־באַוווסטזיין, אַזוי לאַנג, ביז עס האָט זיך אומדערבאַרעמדיק איינגעאָרדנט אין אים און די גאָר־לעצטע רעאַליזירונג — כאָטש גאָרנישט פּאָזיטיווס האָט זיך צו יענער צייט אויס־קריסטאַליזירט — האָט פאַר גרשונען קלאָר געמאַכט: זיין טרייסט איז אַ פאַרשפּילטער „פּאַס“. און גרשון איז אַ פאַרברעכן באַגאַנגען: ער האָט פון איר זעלבסט ראַשעל קאָרנגאָלד צוגענומען.

ווי אַזוי איז דאָס אומגלויבלעכע געשען?

אין קילע פאַרנאַכטן פלעגט גרשון טאָוויט אַליין שפּאַצירן גיין. און ווען ראַשעל איז אין צימערל ביי זיך ווייט אין דער שטאָט געזעסן, אָדער אין טעאַטער מיט אַ באַקאַנטן געגאַנגען, פלעגט גרשון טאָוויט זי ביי דער האַנט פירן און רעדן צו איר אַזעלכע רייד, וואָס אין איר אָנוועזנהייט וואָלט ער זיך נישט דערלויבט:

„איך בין אזוי יונג. מיינע אויגן זענען ווי נייע שפיגלען, וואָס אַ פּאַטאַלע האַנט האָט צו דער וואַנט אומגעקערט, ווייל אַ טויטער איז אין הויז פאַראַן. מיר דאַכט זיך, ווי געפּילפּולע פינגער מאַכן פידל־סטרונעס וויברירן אין בעטהאָווענס קאָנטשערטאָ. ווי אַן האַרמאָניק שפּילט אַ קאַ־מאַרינסקע אין מיטן אַ מאָסקווער גאַס. אַ זעלטענע באַד־סאָנאַטאָ פאַר וויאָלענטשעל ווערט געשפּילט פאַר אַ פאַרכישופטן פּובליקום פון אַ ווונדער־אַרטיסט.

„די בלויקייט פון הימל, די גרויקייט פון ערד, די ווייסקייט פון אַוויר קריכט צו מיר טיף, טיף אין האַרץ אַריין און לאָזט מיר נישט צורו ביז איך שריי נישט אויס:

„איך האָב דיך ליב״!

דערביי פילט גרשון טאָוויט ווי ראַשעלס האַנט ציטערט אין זיינער ווי אַ יונג גראָז־בלעטל ווען אַ מאָרגן־ווינט הויכט איבער דעם.

די געפילן, פון וועלכע ער ווערט באַזעסן, זענען קאַליידאָסקאָפּיש. נישט ער האָט זיי אַרויסגערופן, נישט ער וויל זיך באַפרייען פון זיי אַז זיי זענען שוין יאָ דאָ. דער מיראַזש איז אַזוי טייער. געגאָסן פון דעם גינגאָלד פון זיין יינגלשער האַרציקייט, טיילט ער זיי מיט ראַשעל קאַרנגאָלד, וואָס שפּאַצירט אום מיט אים זייט ביי זייט און געפינט זיך דאָך ווייט פון אים אין דער גרויסער ראַשיקער שטאָט.

ווען זי איז אויף וואַקאַציעס אין דער היים געווען, האָט גרשון טאָוויט איר בילד ביי איר נישט געבעטן, ווייל: נאָך וואָס באַדאַרף ער עס? זיין בילד האָט ער איר יאָ געגעבן. זי האָט דאָס בילד געדאַרפט האָבן, ווייל מיט איר איז ער קיינמאָל נישט שפּאַצירן געגאַנגען אין אירע שטאָטיקע גאַסן און מיט איר אין איר צימער קיינמאָל נישט געווען.

ווען דער שטורם פון לעבן האָט אויסגעבראָכן, ווען אַלץ האָט גע־זאָלט קלאָר ווערן, איז גרשון טאָוויט אַנטשוויגן געוואָרן. געזאָגט האָט ער נאָר צו זיך אַליין אין ווערטער, וואָס האָבן אַזוי זיך געקאָנט לייענען:

„זי איז איך. איך זעלבסט. ווו איז ראַשעל? וואָס מאַכט עס אויס? ראַשעל איז איך. מיט מיר. באַשטענדיק.

„דער ווייטיק איז גרויס. סם גיסט זיך אַזוי אין די אַדערן ווען ער איז געמישט מיט ווייַן. מער סם ווי ווייַן. און אפשר נייַן. מער ווייַן ווי

סם. די הייזון מאַכט דעם ווײַן וואַקסן ביז דער סם ווערט אויסגעוועפּט. זי ווייס נישט, ווי גליקלעך איך בין.

„איך האָב זי ליב. איך האָב זי ליב".

און שטיל, שטיל שעפּטשען זײַנע ליפּן:

„ליב. ליב. ראַשעל. מײַנע. ליב."

און מיטאַמאָל דערפילט זי דאָס. ראַשעל קאָרנגאָלד האָט איר קאָפּ נישט פאַרלוירן. נאָר ווען איר האַרץ פלאַטערט, דערמאָנענדיק זיך אין עמעצן אַנדערשס אויגן, שטוינט זי צוערשט, וואָס גרשון טאָוויט האָט דאָס עזות בײַ זיך אין האַרצן איר ליבע דערקלערן. און ווען זי דערוויסט זיך, אַז ער האָט זי טאַקע באמת פאַר זײַן געליבטער אויסדערוויילט, ווערט עס איר פאַרדראָסיק און זי שרײַבט גיך אויף אַ פּאָר ווערטער:

„ווי דערלויבט איר זיך אַזעלכס?"

און וואַרפט דעם בריף אין פּאָסט־קעסטל אַרײַן. און גרשון טאָוויט לייענט עס און פאַרגייט זיך מיט בלוט. ער האַלט דעם בריוו אין זײַנע הענט און לייענט אים עטלעכע מאָל און אים דאַכט זיך, ווי ראַשעל האָט אים איר האַנט דערלאַנגט. און ער האַלט די האַנט — דעם בריוו — אין זײַנע הענט אַזוי לאַנג, ביז זײַנע פינגער בריִען זיך, ביז זײַן גאַנצער קערפּער הייבט אָן בריִען, ביז זײַן האַרץ כאַפּט זיך אָן און ברענט ווי אַ דאָרן.

„איך — דער משה אין אַ וויסטעניש ווי ראַשעל איז גאָט.

„וואָלט עס אַזוי לאַנג ברענען ביז עס וואָלט צו אַש געוואָרן מיט גרשון טאָוויט און ראַשעל קאָרנגאָלד".

דערווייל פאָרט גרשון אין דער גרויסער שטאָט. אפשר וועט ער דאָרט ראַשעלן ווו באַגעגענען. און אין די ראַשיקע פאַרנאַכטן ווען גרשון גייט אין גאַס שפּאַצירן, צי אין טעאַטער, — פאַרברענגט ראַשעל אין דער צווייטער גאַס מיט אירע פרײַנט און אויף קיין מינוט אַפילו קומט איר נישט אויף דעם געדאַנק, אַז גרשון, דער שטערבלעכער, וואָס לעכצט נאָך אַ ביסל גליק און נאָך ווײַניקער ליבע, זעט דורך די הײַזער די גראָב־ווענטיקע און הויכגעבויטע ווי זי איז — וואָס זי טוט —

גרשון טאָוויט באַקאַנט זיך מיט פרויען, מיט דער שטאָט, מיט דער וועלט. איין זאַך אָבער ליגט אים אין זינען: עמעצער וועמענס נאָמען רעדט זיך מאַגיש אַרויס ראַשעל איז אַ טויב מיט קאַטלעס־פליגל, וואָס הויכט אַרום זײַנע געדאַנקען און מיט אַ מאַרעלן־רויט מײַלעכל פּיקט אין

די אויערן פון זיין נשמה און מיט דער גראַציעזקייט פון אַ סאַרנע לויפּט רייצנדיק פאַרביי זיינע אויגן און קערט אָפּ פון אים אירע טיפע, טיפע ווי דער שוואַרצער ים אויגן.

און ווען גרשון טאָוויט דערפילט אינטואיטיוו, אַז „זיינס" איז פאַר־פאַלן, קערט ער זיך אום צוריק אין זיין קליין שטעטל און פלעכט אויס קליינע נישטיקע לידער אויף דער צאַרטער קאַנווע פון זיין גרויסער ליבע. אַזוי גרויס איז די ליבע פון גרשון טאָוויט, אַז מער ווי די ווערטער: „איך בין גליקלעך, גליקלעך, נאָר נישט איבערגליקלעך, נאָר אַך ווען איך זאָל זיין גליקלעך!" קען ער נישט צוטראַכטן. ווייל דאָס איז אַלץ וואָס ער פילט, אַלץ וואָס ער פאַרמאָגט. און זיין געפיל צו ראַשעל קאָרנגאָלד, — ווען ער קען נישט זען, נישט הערן, צו ווען ער קען נישט רעדן — ווערט דער באַזיס פון זיין לעבן און גרשון טאָוויט ווערט דער געניאַ־לער סאָמנאַמבוליסט פון דער ליבע.

און דאָס אַלץ ווערט אַריינגעפלאָכטן אין זיין באַגריף פון לעבן, אין זיין אידענטיפיצירן זיך מיט פעסימיזם, אין זיין באַציִונג צו עסטעטיק, אין זיין דערנענטערן זיך צום אויבערמענטש. און וואָס עס זאָל אין ראַ־שעלס לעבן זיך נישט פאַרלויפן, אַזוי לאַנג ווי זי איז דאָ, עקזיסטירט, אַזוי לאַנג איז גרשון טאָוויטס לעבן־פּראָגראַם אָנגעמערקט.

יעדן פאַרנאַכט גייט גרשון טאָוויט שפּאַצירן און ביי זיין זייט געפינט זיך די טאָכטער פון די גאָט־געבענטשטע קאָרנגאָלדס, וועלכע ווינט ווייט־ווייט, ערגעץ איבער יענער זייט לאַנד. נאָר ווי ביי אַן אַלטן וועמעס יוגנט־קלוגקייט האָט זיך נאָך נישט דעוויטאַליזירט, שעפּטשען זיינע ליפּן קוים־קוים:

„איך בין יונג... מיינע אויגן... נייע שפּיגלען... אַ פּאַטאַלע האַנט... צום וואַנט אומגעקערט... אַ טויטער איז אין הויז פאַראַן... אַן האַרמאָניק... פידל־סטרונעס וויברירן... אַ באַך־סאָנאַטאַ פאַר וויאָלאָנטשעל... בלויקייט פון הימל... גרויקייט פון ערד... ווייסקייט פון אַוויר... טיף אין דער נשמה... לאָזט נישט צורו..."

נאָר די לעצטע ווערטער, מיט וועלכע די טיראַדע פלעגט זיך פאַר־ענדיקן ווי אַ טעסטאַמענט, וואָס ער פלעגט ווי אַ פאַרווירטער אויסשרייען,

בלייבן אין האַלדז אים שטעקן. ווייל — „איך האָב דיך ליב״ — רעדט ניט נאָר זיין מויל אַליין אַרויס: די גאַנצע וועלט, דאַכט זיך גרשונען, זינגט עס אַרויס אין אומפאַרגלייכלעכע טענער פון אַן אָראַטאָריאָ.

גרשון טאָוויט פילט נאָר אויס דעם צירקל, וועלכן דאָס לעבן האָט פאַר אים אַזוי פאָרטרעפלעך־טראַגיש אָנגעדייט. דער ראַדיוס בייט זיך נישט. עס בלייבט — ראַשעל קאָרנגאָלד.

שימות

... דער זאַק מיט דיקלעכן שויטן־שטרוי וואָס האָט דורכגעשפּאַרט דורך די אויסגעריבענע לעכער האָט גאַנץ גוט באַפרידיקט זשאַמעס אויסגע־דינטן קערפּער, בלאָס געדעגט זיין הויט פאַרהאַרטעוועט ווי פעל: קיין קיצלען האָט שוין זשאַמע נישט געפילט... זינט די זשאַמעכע איז אַוועק... (ס׳ביקור חולים — פאַרלוירן די שטאַרקסטע זייל אויף וועלכער עס פלעגט זיך קרענקלעך אָנליינען...).

די אַלטע זשאַמעכע פאַרנעמט קיינעמס אָרט נישט, איר אייגן פּלאַץ — עסן צוגרייטן, זשאַמעס כמורנע געלעגער אויפן סאָסנעבעט צורעכט־מאַכן, זיין טשעמאָדאַן פאַרפּאַקן פאַר זיין אָפּפאָרן אויף די דערפער צו די פּריצים (ביינאַכט דערטראָגט זיך פון דער סטייניע דאָס בחורשע ראָ־מאַנסירן פון לינקן זשערעבעץ) — אויך אָפּגעטראָטן און איבערגעלאָזט זשאַמען — האַ, ר׳ זשאַמע סטעלניקער, שלום עליכם, ר׳ זשאַמע! — אַליין ווי אויפן וואַסער. וואַקלט זיך פאַר אַ שטיק צייט דער אַלטער ר׳ זשאַמע. דאָס פּושקעלע טאַבאַק — יעדער באַמערקט עס חוץ ר׳ זשאַמען — ליי־דיקט זיך צוביסלעך אויס און פאַרפולן עס לאָזט נישט די געשטראָפּטקייט פון האָבן אַ „גרענעץ" לעבן סטעלניק ווו „שדים שלאָגן זיך". ר׳ זשאַמע פּאַקט זיך צומאָל נאָך אין אַ נאָענט דערפל צו אַ פּריץ אויפמאָנען עפּעס, ראַטעווען וואָס גאָט וועט לאָזן: — „וועט דער יאַסנאַ־וועלמאָזשנער באַ־צאָלן כאָטש די צינזן? זאָל דאָס קערן בלייבן שטיין אויף ווייטער!" — אָבער דאָס אַהיימקומען — זייער אָפּט נאָך איידער דער פּריץ איז דער־גרייכט — מאַכט קלאָרער פאַר זשאַמען די פּלוצלעכע ירידה, זיין אונ־

טערגיק מיט דער גאַנצער וועלט מענטשן: די פּאָר הונדערט אָרעמעלייט פון שטעטל וועמען ער האָט אויסגעליען געלט פאַר אַ שטאָט־באָד, געשאָנ־קען אַ נייעם סכך פאַר דער שול און די אַנדערע יידן פון אַנדערע שטעט־לעך און שטעט.

אין אַלגעמיין איז ר׳ זשאַמעס פּערספּעקטיוו גאַנץ באַגרענעצט גע־וועזן — ריידנדיק וועגן דער וועלט. פון יינגלווייז אָן פלעגט ער קוקן אויף איר, אויף דער וועלט, דורך די אַלט־ברוינע קלאָרע בלעטער פון חומש און די איבעריקע שאַלעמויזן (דער צונאָמען האָט אין זשאַמעס, זשאַמע דעם יינגלס, אויגן נישט פאַרמינערט חלילה דעם ווערט פון דעם וואָס אין אַ פרייער און אויפגעלייגטער צייט האָט ער זיך פאַרגונען צו רופן: תנ״ך). עפּעס איז זשאַמע אַ שיין שטיק צייט אַ גרויסער מחותן געווען מיט פּתום און רעמסס, מיט חושן ואפד, מיט דגל מחני יהודה. זיין גאַנץ טעאָ־רעטיש קענטעניש איבער ראָמאַנטיק האָט זיך אויסגעשמאָלט — אויס־געברייט, קען זיין — דורך אליעזרס אַריינפּאָר קיין נכור און דורך דעם באַגעגעניש און אַזוי ווייטער צווישן יצחק און רבקה. זשאַמע האָט אַפילו נישט באַמערקט ווי היסטאָריש־פּראָגרעסיוו די געשיכטע איז אין פאַר־גלייך מיט דעם פאָרגענגלעכן אברהם־שרה־עפּיזאָד און ווי ווייט יצחקס פּאָפּולערער זון האָט זיך לחלוטין אָפּגעוואָרפן פון זיין פאָטערס אָפּגע־שטאַנענעם מעטאָד אין דינען דער ליבע: אין מאָס ווי אין צאָל געליבטע.

אַלץ איינס. פאַר זשאַמען איז געווען אַ שול — דער געל־ווענטיקער ברודנער גאָרטן — ווו די געליבטע, די שכינה, — וואָס האָט אים פאַר־טריבן אויף זיין טיפער עלטער פון זיין סטעלניקער רייכן יידנס גן עדן, — האָט ווענטרילאָקיסט־מעסיק אַרויסגעשפּונען פון איר געטלעך מויל אַלערליי וואָסערן וואָס האָבן איבער זיינע צערייצטע און גייציקע געהירן געשפּרינקלט מיט אַ דערפרישנדיקן צויבער, מיט אַ יידישלעך־בנעימות־דיקן חן.

זיין ישעיה, זיין ירמיהו, זיין רבי.

זיינע כהנים — ער האָט נאָך אַלץ פאַרמאָגט איין גאָט און נישט קיין געטער, און כהנים מעגן צוקומען נייע — האָבן געדוכנט פאַר זיינע אַראָפּגעלאָזטע אויגן, געבענטשט אים, זיין פאַרגאַנגענהייט דער אָנהייב פון וועלכער איז פאַרקאָרטשעוועט געווען פאַר טויזנטער יאָרן אין זיין פאָלק, זיין לאַנד; זיין צוקונפט אין זיין הויזגעזינט און זייערע קינפטיקע

דורות. און ער פלעגט פילן ווי אַ געבענטשטער לאַנג, לאַנג פאַר דעם ווי ער האָט אויפגעהערט עסן טעג, הירזשענע קאַשעס, קרופּניקעס, ביז ער איז געוואָרן אן איידעם ביי אַ רייכן שווער.

זשאַמעס בליק אויף זאַכן האָבן זיך נישט געביטן דורך דעם וואָס אין זיין גשמיות אויסגעצערטן ווינקל האָבן זיך אַריינגעריסן — פרי:ער די זשאַמעכע און דאַן זייער זון. מער נישט, מיט יאָרן פון גרויסע ברייטע געשעפטן, מיט דעם פלוס פון דעם אויסערלעכן אימפּעט, — אַלץ וואָס האָט אים באַוויגן זיך צוהערן צו נייע, פרישע טענער, צוקוקן זיך צו געשעענישן וואָס יעדער טאָג האָט נאַטירלעך געטראָגן אין זיין טראַכט, צו דערפילן נייע טעמים, — איז אויך געקומען דער אינערלעכער פאַר־לאַנג אין אים, אַליין צו פּרוּוון — פּרוּוון טראָגן וויטער די טראַדיציע פון ייִד, העלפן דעם צוויגל שפּרייטן ריטלעך, אַ כּאַפּטון אַריבער יענער זייט ראַנד פון בוימס גרעב. זיינע כּוחות זענען שוואַך דערצו געוועזן. זיין זון אָבער, האָט ער געהאָפט, וועט עס קענען אויספירן.

עלף יאָר אַלט, טרעט דער קליינער הערשעלע אין גימנאַזיע אַריין. זשאַמע ווייסט נאָך אַלץ ווייניק פון אַ פרעמדער שפּראַך. די פּריצים, וועלכע דער שווער גיט אים ביסלעכווייז איבער ווי אַ לעבעדיקן טייל פון אַ גרויסער ירושה איבער הונדערט יאָר, באַנוצן זיך עפּעס מיט „צעט־לעך"; אָפּטמאָל נייטיקט מען זיך אין דורכשרייבן מיט זיי; מיסחר אַליין פאָדערט ביכער צו פירן, מיט אַ קאָנטראָל, אַז אי ער, אי אַנדערע זאָלן די מעגלעכקייט האָבן אין זיי אַריינקוקן. און די פרעמדשפּראַכיקע בלאַט־צייטונג ווערט דער פאַרמיטלער צווישן זשאַמען און דער נישט־ייִדישער וועלט. די לעצטע הערט צוביסלעך אויף צו זיין דער פּרוזדור וואָס זי האָט עס מיט זיך אַזוי לאַנג פאַרגעשטעלט. דער גיהנום ליגט ערגעץ אונטער דעם סמבטיון, דער גן עדן — אין אן אַנדערער פאַר־וואָרפענער, אומבאַוווסטער געגנט.

וואָס פאַרט איז די וועלט, די הייַנטיקע וועלט?

— הערסטו, צירל, — הערט די זשאַמעכע אַמאָל איר מאַן זאָגן ווען יענער שפּילט שאָך מיט זיין זון, דעם יונגן סטודענט, אין גרויסן שיי־נעם עסצימער, — הערסטו, עפּעס איז די וועלט...

די זשאַמעכע זיצט אין איר ברייטן לענשטול און פון גאַרנישט האָבן צו טון שטריקט זי אַ זאָק. ביי זיך אין געדאַנק פאַרענדיקט זי דאָס, וואָס

זשאַמע האָט איר געוואָלט מיטטיילן, אַזוי אַז עס קומט נישט דעם יונגנמאַן צו קעפּן פּאָר טרינקען טיי מיט צובייסן אָן אַ היטל אויפן קאָפּ.

דער „הערסטו, צירל" וואַריאַנט האָט זיך איבערגעחזרט עטלעכע מאָל. פון אָנהייב איז אין דער פאַרצויגענער קליינשטעטלדיקער שטים פאַרפלאַנצט געווען אַ מין טרויעריקער ווייטיק און פרום־יידישלעכע בושה. ס׳צווייטע מאָל האָט עס געקלונגען עטוואָס אויסטערליש, פרעמד, נישט־אייגן. דערנאָך — קאַטעגאָריש, אינטאָלעראַנט, און דאַן — דאַן איז עס געוואָרן דער אויסדרוק פון אַ גוטמוטיקן איבערזאָג פון רייד, וואָס זענען אַן און פאַר זיך גאַנץ פאַרשטענדלעך. קילע, סאָלידע נאַטורן פאַרלירן זיי צווישן אַ געפיל פון לאַנגווייל און אַ גענעץ.

— הערסטו, צירל, נישט באַדאַרפט שיקן הערשעלען אין שטאָט אַריין, פריער אין גימנאַזיע, דערנאָך אין אוניווערזיטעט... אַן עוולה, כ׳לעבן... אַזעלכע מענטשן ווי מיר...

און אַ יאָר שפּעטער, אומגעפּער:

— מילא, לערנען היינטוועלטיקע זאַכן מוז מען, אָבער פאַרט איז מען דאָך עפּעס יידן, באַדאַרף מען די גאָלדענע פאָן הויך טראָגן... האַ, וואָס זאָגסטו?...

און אַ שטיק צייט שפּעטער:

— וואָס זאָגסטו, נתנאל, דו האָסט געהערט אַז אין שטאָט רעדט מען, אַז מיין הערשל רויכערט אום שבת? אויב ער רויכערט מעג ער! —

און ר׳ נתנאל, אַ היימישער ייד, אַן אַריינגייער אין זשאַמעס הויז, וואָס איז געקומען ראַטעווען דעם כבוד פון גביר, וועלכער איז גראָדע געווען אויך זיין „גוטן יידנס" חסיד, פאַרלירט ס׳לשון און ווערט אַזוי צעמישט פון זשאַמעס ענטפער, אַז ער ווייסט נישט דורך וואָס פאַראַ טיר אַרויסצוגיין.

הערשלס לעצט אַהיימקומען פון אוניווערזיטעט מיט דעם געלבלעכן פאַרמעט — אַזאַ גרויס פירעקיק שטיק פאַפּיר מיט גאָלדענע בוכשטאַבן, מיט אַ מלוכה־שטעמפּל און פאַרדרייטע אונטערשריפטן פון פּראָפעסאָרן אַז עס איז אוממעגלעך זיי איבערצולייענען — האָט זשאַמען, אין געוואַנטענעם סורדוט און זיידענער יאַרמעלקע, געגעבן אַ נייעם שטאַנדפּונקט. כאָטש עס האָט נישט פאַרברייטערט דעם ביזאַהעריקן, און נישט פאַרשמאָלט אים. די אַלטע ספרים — זייערע ברוינע בלעטער ערטערווייז

צוגעפוילט, זייערע הערצער ווי דורך כישוף דווקא פֿאַרהאַרטעוועט, פֿאַר־שטאַרקט מיט דער עלטער, מיט די יאָרן — האָבן זיך געלאָזן גערוט אין די לעדערנע הימען פֿון זייער סביבה, אין אַלמער ביי זשאַמען אין קאַבינעט. איבער זיי, די בייזע, די קלוגע, האָט געפּעכלט מיט זיין נייקייט — די נאָז פֿאררייסן ווי ביי אַ יונגן נאַרישן לאָשעק — דער דיפּלאָם פֿון זשאַמעס זון.

האָט געלעבט אַ ייד, האָט ער געהייסן זשאַמע, האָט אים זיין כשר יידיש ווייב געבוירן אַ הערשעלע.

און ס׳האָבן געלעבט אַלטע ברוינע ספרים, האָבן זיי זיך דערלעבט אַ בן־זקונים אַ יונגן געלן שנעק, אַ דיפּלאָם.

און דער פּאַראַלעל וואָס איז זשאַמען אפשר קיינמאָל גאָר אויף דעם געדאַנק נישט געקומען און האָט זיך דאָך ביז אַהער געצויגן, האָט זיך דאָ אָפּגעהאַקט.

הערשעלע האָט קיין קינד נישט געהאַט, דערהרגעט געוואָרן אויף דער מלחמה. („שוין צייט, מיין קינד, חתונה האָבן, וויפל איז דער שיעור צו וואַרטן? בפרט נאָך אין מלחמה־צייטן, באַדאַרף מען דאָך אַ טראַכט געבן וועגן אַ קדיש... איך וויל האָבן די זכיה ביי גאָט צו זיין אַ באָבע... וואָס זאָגסטו, זשאַמע?״) דער דיפּלאָם האָט אַ קינד געבוירן, אויסגעטראָגן אַ פּאַרזעניש אויף בייזוווּנדער... אָבער וואָס פּאַראַ תכשיט קען אַ געלע, אַנעמישע זאַך אַרויסברענגען?

אין סטעלניק ווערט פּאַר אַ ווילע אַן איבערקערעניש. די וועלט ווערט באַפּרייט פֿון עפּעס. איינער באַפּרייט דעם צווייטן. פֿרעגט זיך: ווער וועמען, וואָס? נישטאָ אָבער קיין צייט צו ענטפֿערן. די זשאַמעכע פּאַלט אַ הייליקער קרבן, און זשאַמע נאָך דריי טעג ליגן אין אַ קעלער קומט אַרויס מיט מאָדנע פֿרידורקעוואַטע אויגן, דער קאָפּ זיינער באַדעקט מיט טויבן־ווייסע האָר און ס׳פּנים זיינס זאָגט עדות:

— כ׳וויס נישט ווער איך בין. כ׳האָב קיינמאָל נישט געוווּסט אַפֿילו ווי אַזוי מען שטעלט די פֿיס צום גיין, ווי מען דאַרף האַלטן אַ לעפֿל אין האַנט...

און יענע וואָס לויפֿן ווּהין די אויגן טראָגן זיי פֿאַרביי אים האָבן דאָך אַ בליקצייט צו באַמערקן פֿאַר זיך:

— נישט ביים זינען.

טראָגט זשאַמע מיט זיך אַ ברוינעם ווי מיט טאַבאַק דורכגעפּרעסע־נעם חומש, און שליאָפּעגדיק אין דער בלאָטע באַגלייט אים:

— משה... באַפרייט פון גלות מצרים... הידד!.. דבורה שפּילט אויף די טאַצן... ס׳בית־המקדש... מען באַדאַרף זיך צוויילן... נישט פאַרשפּע־טיקן מנחה און מעריב... אַהרון וואַרט שוין אַוודאי ביים מזבח... דאָס לעמעלע, ווייס ווי טוי, שטייט אַ־דאָרט... די לויים... די ישראלים...

די האַנט מיטן חומש דריקט זיך צום האַרצן. דער געלער פאַרמעט מיט די גאָלדענע בוכשטאַבן וויקלט זיך אַרום אים, פּרעסט אים אויף דער ברוסט, כאַפּט אים אַרום שטייפער און שטייפער, דרייט זיך אַרום אים ווי אַ שלאַנג. ער האָט אָבער ליב די שלאַנג.

— פאָלג מיך, פאַרזוך דעם עפּל און ווייס וואָס גוט איז!

די שלאַנג קוקט רעגנדיק, אָט אויף חוזק, אָט אויף אים. און ער איז טועם פריִער פון עפּל, דאַן פון בוים — עסט אים ביז דער בוים, דערפילט ער, שאָקלט זיך איבער אים ווי אַ גרויסע כוואַליע איבער אַ קליין פאַרבלאָנדזשעט שיפל אויף אַ גרויסן מוראדיקן ים.

באַלד פילט ער ווי אַ ברי אין מוח:

— דער קוויטאַרזש פון דער געמיינדע? די קוויטאַנציע צום עסן און שלאָפן...

און פון אַ צעקנייטשטן פאַלד אין צעפליקטן בגד האָט ער אַרויס־געקראָגן אַ שטויביק שטיקל פּאַפּיר, באַפלעקט מיט שוויס פון מענטש־לעכע הענט.

CUI BONO?

... אויב דו ווילסט, וועל איך דיר דערציילן פּינקטלעך ווי עס האָט פּאַסירט. מיר האָבן זיך באַגעגנט אָט אַזוי ווי דיין אויג שלאָגט זיך אָן מיט אַ זאַך וואָס געפעלט דיר אין אַ שויפענצטער. נישט ווייל די זאַך פאַר זיך, טרעט אַרויס מיט אַ מערקווירדיקייט, נאָר ווייל דאָס שויפענצ־טער טיילט זיך מיט עפּעס אַרויס. די זאַך דייט אָן. „מילא, איך ווי איך, אָבער מיין שויפענצטער!" — נישט וויכטיק ווער דער סוביעקט און ווער דער אָביעקט. צונויפגעקנאַקט, און שוין.

דער צווייטער אָנבאַגעגן האָט געהאַט אַ פּערזענלעכערן מאָטיוו: דער קריז, אַ באַדייטנדיקערע געשלאָסנקייט; די פּעריפעריע — אַ שאַרפער צייכענען און ענגערע געקלאַמערטקייט. ווידער אָפּוועזן די סוביעקט־ און אָביעקט־מאָטיוון. ווי אין יעדן פאַל האָבן אי דער זוכער אי די זוכערין בסך הכל באַווילט זיך זעלבסט אין דער רעלאַציע פון אַן ערגעץ־אַנדערש־דיקער געפונענקייט.

און ערשט טרעפן מיר זיך ווי אַ געוויסער סאָרט מענטשן אין גורלס פּאָרט: די אויגן (דער זונדערבאַר אויסערסט פילבאַרסטער פון אַלע חושים) שטייף פאַרזיגלט קעגן דער ווירקלעכקייט. און האָבן מיינע קוקערס אַרומ־געבלאָנדזשעט אויפן ראַנד פון זאַכן וואָס פאַראַקטיווירן גאָלע גאָרנישטן פון אַ ייִנגלס צו־פריער מאַטורע, האָט איר פּנים געלויכטן מיט אַ זעל־טענער לעבהאַפטקייט, דעטערמינירנדיק דעם כאַראַקטער פון די גאָר־נישטן: ווי אומוויכטיק, דאָך וויכטיק ווערן זיי. מיין טבע אין יענע יאָרן? האַ: „צו גלויבן הויכנדיקן לבנה־שימער און טויאיקע קווייטן אין זונגע־

קושטן טאָל פון לעבן״. זי, נישט אינגאַנצן דערוואַכט צו איר אַקצענטירטן מיידלשן צושטאַנד; די אַסאָציאַציעס וואָס איר וואַקסן־ נישט־דערוואַקסן וועזן האָט דערהויפּט פאַראורזאַכט זענען געווען באַצויגן מיט ווילדגעווויקסיקע הייטלעך פון דעם ערשט פאָסט־בגרת פעריאָד—מילד געפּרוכפּערט אין איר זעלבסט ווי אויך אין יעניקע וועלכע האָבן זי אין זייער שטאָלענעם רינג איינגעקאָוועט. מיין יינגלשאַפט האָט כמעט ווי די לופט פאַרפּעסטעט מיט די געדאַנקען פון אַ באשיבוזוק און די רייד פון אַן אַדעפּט פון אַ וויסטן געצנדינערישן קולט. זי, נישט פולקאָם נאָך רעקאָרדירט די אַקאָרדן וועלכע האָבן מער אָפּגעהילכט ווי אָפּגעקלונגען אין איר פּסיכיק, מיט דער שטייפקייט פון אַ ניי פּעדאַלירטן סטרונע־מעכאַניזם.

און דאָ טרעפן מיר זיך אויפסניי. איך, באַגרייפנדיק דורך געפיל; זי, וועמעס באַשיידנקייט שניידט זיך סומנע פאַרגעפילעריש, און פאַרגעפילעריש פריידיק דורך אַ וועג געפלאַסטערט מיט עמאָציאָנעלן אָנשטויסן־זיך.

דער פּאָרי מוז געווונען און קאַליעטשעט ווערן דורך די צוויי קרייצנדיקע אינטויציעס.

איך בעט אַ דערלויב זי נעמען אונטערן אָרעם.

זיכער דערלויבט. (דאַכט זיך דערלויבט מיט פאַרגעניגן. אָן צווייפל גאַנץ אָנגענעם).

די פאַרשטויבטע ווייסקייט פון אַלומיניום זייגער אויפן ראַשיקן שיידוועג רעגיסטרירט אין קאַלטער עלעקטריק 10:45. דאָס זינגען פון די לעצטע אָנדערהאַלבן שעה צעשפּליטערט זיך אויף אומאויפהערלעכע ברייליאַנטענע פראַגמענטן געמישט מיט בלאָסן געדרוך דינלעך עמאַנירנדיק פון דעם יאַסמינבוקעטל ביי איר קאָרסאַזש. סאָלי טענער פלעכטן זיך, כאָאַטיש אַנטרונענדיק פון אירע ליפּן אין זייער פּאסונג זיך צונויפצושמעלצן מיט דער ריינער דעצעמבער אָוונטלופט, ווי זיי זאָלן האָבן געוואַרט אויף דערלייז פון דער געפּרעסטער קאָנצערטזאַל אַטמאָספער.

מיר געפינען אַ זייטיק רעסטאָראַנדל אויף לאָנגייקער סקווער. אינווייניק שווימט דאָס עסנוואַרג אין דערווידערדיקע לופטלעך, קיצלענדיק די נאָזלעכער ווי באַאומרויקנדיקע אינסעקטן. אויסגעקליבן אַ זאַלבעצוויט טישל. אָוועקגעזעצט ווידזאַווי. אַ ווייס־און־שוואַרץ פיגור דערנענט זיך. זאָל זיך מיר בלויז האָבן אויסגעדאַכט אַז זי דערמאָנט עפּעס וועגן בירדס־

ליס שטאַרבן אַ קאַטויל? און באַשטעלט אַ געבאַקענעם עפּל מיט זיסער סמעטענע. איך בין אַ בעלן אויף אַ סטייק נאָר אין אַנזיכט פון אַסאָ־ציאירטע קנופּן־און־געלענקען פון די „עסטעטישע 90״, גיי איך איין אויף אַ מילך־טאָסט. קאַרעקטער געשפּרעך און אַלבאַדייטנדיקע בליקן פּילן אויס די קורצע אינטערוואַלן.

עס איז דער לייכטסטער אונטעררייכט נאָך אַ פּערפעקטן אָוונט. צי איז מיר געפעלן סיריל סקאַטס „ראָנדאָ״.

זייער. נישט אַז ס׳איז גוואַלדיק.

צי לעבט ער נאָך, סקאַט.

אַנומלט אים אַליין געזען. אַ יאָר פופציק, גלויבט זיך, אַן ענגלענדער מיט אַ מערקווירדיקער באַגאַבטקייט פאַר לידער קאָמפּאָזיציעס, דער־הויפּט. און איוואַ גאָטיע איז זיין בעסטע אויסטייטשערין, אויף וויפל באַקאַנט.

געהערט זי. פאַרמאָגט זי נישט אַ שטים צאַרט און מעכטיק, און דריקט דערצו נאָך אויס אַ גרויסע אינדיווידועלע אַרטיסטישקייט.

זי איז אויסערגעוויינלעך.

די גאָטיעס זענען מערקווירדיקע פּראַנצויזן.

די סקאָטס פעלט אויך ווינציק וואָס אָפּ אין דער גלאָריע פון ענג־לאַנד, פון שאָטלאַנד ריכטיקער.

ווי גוואַלדיק צופרידן מ׳באַדאַרף זיין צו פילן אין זיך אַ קראַפט, טאַלאַנט צו וואָס נישט איז.

(אָט געפינען מיר זיך שוין דרויסן ווו ס׳כשופט דער מיר־פריקרער ווייסער וועג. איך דערמאָן זיך אַז כ׳קום אַן ענטפער, אַ צוריקזאָג וויב־ציקסטן. אַך, די יוגנט! אַ יינגל בין איך געווען און מיט ווערטער ווי פולווער געשאָסן).

יאָ, טייערינקע, די סאַטיספאַקציע דאַרף זיין אַ קאָלאָסאַלע. (כ׳גע־דענק ווי כ׳האָב אינסינויִרט אַז זי איז אין באַזיץ פון דער מתנה; גע־ברייעט אַז עס איז אין און אויסער איר; עפּעס נישט צו כאַפּן, אַז איר פנים איז אַ טייל דערפון; עפּעס אין נויג פון איר קעפל, אַ טייל; אין דעם באַשטענדיקן טיקטאַק פון איר האַרץ, „די טויבנבנעסט ווו איינגעאָרדנט צוויי צירונגען״ זענען עס; עס איז: אין דעם רייטוואָגן וואָס וועט זי קאָפּ־שווינדלענדיק ברענגען צום שאַרלעך ים פון ליידנשאַפט מיט איר דער־

ווילטן באַגלייטער; עס וועט האַוועך ווי אַ מלאך גבריאל אַרום איר, פאַרשפּרייטן זיך אין אַלוועלנדערלעכע געוועבן פון געמיט ווען ער וועט מיט שעמעוודיקע, נערוועזע פינגער צעקנעפּלען איר קלייד זוכנדיק פאַרבאָרגענע באַוועגן אויף אים לאַנג וואַרטנדיקע; נישט פאַרפעלן צו פאַרוואַנדלען אים אין איר לעבנסענדלעכן, רגע־ענדלעכן שקלאַף, און אין אירע הענט איבערליפערן דעם שליסל צו זיין מי און רו; עפענען פאַר אים דעם סודותפולן קוואַל וועמעס זעלטענע וואַסערן אים אַליין איז באַשערט טועם צו זיין; דורך אים מאַכן זי אומשטערבלעך. און אַזוי ווייטער העט ווייט.

איך באַראַבאַנעווע אין אַ פּראָזע פון 56טער פּראָבע צוגעלייגערטער זשאַווערפּאָעזיע בעת זי קלעפּט זיך ספּאַזמאָדיש צום געוואַנט פון מיין אויבערמאַנטל, ביז אַ קאָנוואולסירטן טרערנגאָס.

איצט האָט זי מיר צו ענטפערן, מיך אָפּפרעגן. און ס׳שטימט. (אָט דאָס איז די צופרידנקייט וואָס איז איר צוגעטיילט? קיין אַנדער באַשטים ווי קאָנקובינע אין דער פרוי? אין וואָס דריקט זיך אויס אַ פּאָרנעמער באַלוין פאַר איר? איז זי דער פאַרגעניגן מעדיום און מער נישט? עקזיסטירט פאַר איר גאָרנישט מיט מאַן פּאַסיוו?) זעסטו ווי פאַר איר איז די לאַקרעצדיקייט פון מיינע ווענדן אַ גליק. אָבער ווען איך פּרווו אַ רעד טאָן צו איר מענטשלעך — ?

אַך, טייערע, טענה׳ט דאַן מיין יוגנט, צילנדיק ווערטפּיילן אין שוצלאָזן און „פאַרגעניגנדיקן״, קרבן, און ווייס נישט צי דער פיינט אַנטלויפט דיר פון אונטער דער האַנט, צי איז ער באַזיגט: איר האַנט ביי מיינע ליפּן, און, אַרומגעקוקט זיך זע איך קיינער באַמערקט נישט, און וואָס וואָלסטו געטאָן אין מיין לאַגע, כאָטש דאָס איז אויך נישט וויכטיק, אָבער הער, הער. (ביסט אומגערעכט, טייערע, אין דיינע טענות. מאַנספאַרשוינען זענען זעלטן די טרעגער פון מתנות. דער קינסטלער איז — איז ער עס? — „דער שטרענגער פאַרמיטלער צווישן דער וועלט און אַבסטראַקטער געני־שיינקייט״; „דער פעדלער מיט טאַלאַנט פאַר זיין שטופּוועגעלע און געני פאַר זיין סחורה״. די פרוי, האַ! איטלעכע פון זיי איז די „טרעגערין פון אַ געשאַנק וואָס מאַכט זי פאַר אַ פאַרמיטלערן פון יעדן צוגענגלעכן פאַרגעניגן״, ווי דו האָסט עס כמעט כאַראַקטעריזירט). סוף כל סוף איז נישטאָ וואָס צו הערן. ווייסטו דען נישט וואָס דער אָנהייב און אויסלאָז? אָט נעם

דאָס קאַפּיטשקעלע באַשרייב ווי איך קען עס איצט רעפּראָדוצירן צום בעסטן: איך בעט דיך, ווענד דערויף נישט אָן קיין פילאָסאָפישע קריטיק.

„זייערע יונגע אויגן זענען געווען פאַרזיגלט קעגן דער ווירקלעכקייט. איבער זיי האָבן שטערן קאָמפּעטירט מיט דעם צאַנק פון גאַסלאָמפּן אין דער אָפּגעשיידטער בלאַסקייט. ציפּציפּ. טריפּטריף. דאָ און דאָרט. אַנט־קעגנגעקומען. צונויפגעשטויסן. צוריקגעטראָטן. אויפגעלייזט. אין אַ שמאָלן פּירהויז־פּאַסאַזש שמוגלט זיך גליטשיק אַריין אַ פיגור ווי אַ פאַרדעכטי־קער הונט. אַ סילועט צייכנט זיך אָפּ אין אַ לייכט פאַרהאָנגען פענצטער אויף אַן אויבערגאָרן. די געפלאַסטערטע גאַס ווי פּאָלירט גלאָז, ליגט איינגעראַמט אין גלאַטן שטיין, צעקרומטע גאַסנווינקלען פון אַ דעזער־טירט אונטערגעסל אין אַ געגנט זשיפּנדיק מיט טענעמענטן. מיר האָבן ביידע, ווילד אָנגעשטערנגט, געזוכט אַ סוגעסטיע, אַן אָנדייט אויף צו פאַרלייכטערן אַ שטרייט דורך אַ טומאַן פון קוים דערווירקלעכטע און שוין צעקריפּלטע צעצווייטע קאָנצעפּציעס. אַ טראַמוויי האָט מיט זיין קלאַנג פאַראָדירט די מוזיק וואָס האָט זיך געהאַלטן אין אַריינרייסן צו אונדז אין די הערצער, אויסקאָרטשנדיק סקאַטס. זי, אין אַ טראַנס פון יענע נאַכטלאָזע ווירקלעכקייטן וואָס פאַרגייען נישט מיט דעם אָנקום פון טאָגס נאַרעריי, אַ ווירקלעכקייט, וואָס איז אַזוי אייפעריק ווי איר נישטערן אין די אומבאַקאַנטע רעגיאָנען פון איר אייגענער פּסיכיק. אויף מיר האָט די דאָזיקע באַשריגענע ווירקלעכקייט אַרויפגעלייגט איר רויטע האַנט”.

מיר אַליין, ווערליק דער פריערדיקער פאַרנעפּלטקייט אָבער גרינג־קייט פון דער זאַך, ווערט איצט אַלץ קלאָרער דאָך שווערער. איר נאָמען געדענק איך נישט. די קאָלירן פון אירע אויגן, האָר, קלייד און שיך; וואָסערע נאָז, ליפּן, ברעמען זי האָט געהאַט — איך זע די אַלע פּיצלעך ווי אין גאָס. כאָטש דער טיול איז פון אַלעמען אָפּגעליישט, טרעט דאָך גאָרנישט אַרויס אַנטבלויזט און אָפן. וווהין זאָל איך זי גיין זוכן איצט: מאָנען אין האַרצן ביי מיר? — עפּעס זענען יאָ פאַראַן סליאַדן, נאָר פון אַן אומבאַשטימטן כאַראַקטער. אין געדאַנק? — דער קאָפּ איז אַ מאַדים און האָט גראָד פאַרפיקסירט נישטיקע רגעס; זענען זיי אָבער פון דעם מין וואָס באַליידיקן דיך מער ווי, כדומה, דאָס פאַקטישע וואָס איך האָט זיך געקווינקלט צי דיר יאָ אָדער נישט איבערגעבן. דאָס וואָס כ׳לאָז באַ־שטימט ביי זיך, ווייל אייניקע וואָלטן עס געהאַלטן פאַר אומאָנשטענדיק,

איז בלויז אַ נערוונרייץ וועלכן איך קען זיך אונטערוואַרפן אין אַ כוואַ־ליענדיקער מינוט צום פאַרשווענקט ווערן, און אין אַ רעטראָספּעקטיווער שטימונג דיקטירט עס מיר זיך צו שעמען וואָס איך האָב זיך אַזוי, אַפילו אין יענע האַלב־קינדערישע יאָרן, באַנאַרישט, נישט לשם יוגנט און ווייכ־קייט, נאָר סאָפּיזם אויף שטאָלצן.

ווייל וויסן זאָלסטו אַז איך האָב געהאַלטן פון איר, ווי באַלזאַק פאַראורזאַכט (מיטליעריקע), אָדער קאָברין מיינט מיטן גאַנצן האַרצן צו פאַראורזאַכן (אַן חילוק פון עלטער), אין אַ ראָמאַן. מיר האָט זיך שוין דאַן געוויזן גאַנץ מעגלעך ווי איין געוויסן געשלעכט קינסטלער וועט ירשענען יונה ר., און אַ צווייטן פון באַין ערך דעמזעלבן ראַנג, יוסף אַ. און איך? פון וואַנען ווענן און זאָלן זיך מיינע וואָרצלען קאָרטשען? און זי, שוין דאַן, איז געווען אַ העלדין פון מערי קאָרעלי אָדער פון יענע „פאָרווערטס״ צי „טאָג״ פאָרגעזעצטע עקזערציסן אין דער „שיינער לאַנ־גער פראָזע״. זי איז געווען מיין אומגעניטע דיכטונג. איך פאַר איר — דער מעגלעכער אַנטוויקל פון אויפוואַכנדיקער זשעדנעקייט נאָך אַלעם אין דער וועלט, פון פאַפּ ביז פאפשוי, וואָס איז ציל אַן מינדסטן גענוס. ווי דו זעסט, איז די פערפעקטקייט צו די שווערלן נאָך נישט געקומען, און הלוואי זאָל דאָס פּולקאָמע אויסמיידן מיין אויפמערק נאָך אויף לאַנג.

אַמאָל טרעף איך זי מיט איר קינד אין גאַס. זי קוקט אויף מיר ווי אויף אַן אויסגעלייענטן, אָפּגעזונגענעם אָפּוס. איידער איך ווייס בלאָנ־דזשעט שוין איר געמיט איבער די שטיינדלעך אויף דר׳ערד אָדער דעם בייטראַלן קיילעך פון הימל. איך וואָלט זיך דווקא געוואָלט דורכריידן מיט איר, זיך איבערוווּנדן אין מיינע געפילן צו איר פון אַמאָל, אין הוה. איך בין דאָך עפּעס אַ שטאַרקער מענטש וועמעס חלום גוסס׳ט נישט ביז אין לעצטן אויסהויך פון דער אייביק דיסקוטירבאַרער נשמה. מיך, פאַר־שטייסטו, אַרט איר מאַנס גאָרנישט וויסן פון וואָס מיר האָבן גערעדט און געטאָן, נישט קוקנדיק דערויף וואָס די לעפצן זענען נישט צופיל פאַרשווערכט געוואָרן, און דאָס טאָן איז נישט פון די מעשים תעתועים, לעבט ער דאָך פון די לוקסוריעזע פּראָצענטן פון מיין באַשיידענעם קרן. איך־זשע האָב אינוועסטירט ווי אַ מענטש אין אַזאַרט צום אינוועסטירן, אָבער ווי שנעל די פּאָר גראָשן ווערן אַריינגעבראָקט אין עפּעס אַ גע־שעפט, פאַרגעס איך אינגאַנצן צו מאָנען אַן איינקונפט. גענוג אַזעלכע

אונטערנעמען אויף הינערשע פיסלעך האָב איך זינט דאַן אָוועקגעשטעלט אויף אַן אַקטיוון ריוח־באָדן. און ווו אַ באַנקראָט, ציט ער מיך ווי מיט צוואַנגען און איך בין נאָך אַלץ פאַרשוווענדעריש מיט מיין ביסל האָב און גוטס. ס׳איז אָבער פון אַזאַ כאַראַקטער וואָס די יורשים פון דער ראָמאַנטראַדיציע וועלן דאָס נישט באַערן מיט זייערן אַ צעגלידער. און אַזוי בלייבט עס. זי קען קיינמאָל זיך נישט אויסטשוכן פון אַ פּראָזע וועמעס קרבן מיר זענעןביידע נישט געווען יענעם אָוונט, פון אַ פּאָעזיע וועמעס שליים די ערשטע באָד האָט אונדז לויטער געוואַשן. די פּאַפּ־און־פּאָפּשוי בריגאַדע עקספּלואַטירט זי עד היום נישט וויסנדיק אַז אַ ווייבל פון אַ מאַן און אַ מאַמע פון אַ קינד פאַרדינט, נאָך אַ פּאַרזוך פון איר זייט אויסגעגניכטערט צו ווערן, מען זאָל אירע עראָס־דראַנגען נישט שמירן, ווי רויע חלות אויף דער לאָפּעטע פאַרן אַנגעהייצטן אויוון, מיט פּייכטע פּלעדערווישן כדי דער פלאַם זאָל אָנגיטעווען. איך ווידער, בין כלל אַ טראַנס. אָבער גיי, רייד, מאַך, און שריי חי וקים אַז די יורשים שלאָפן, פּאָפּן, פּייפן און כראָפּן, און דענקען אַז זיי טוען ס׳בעסטע צו מאַכן פון אונדז לייט.

גילדערנע יויך און צינערנע לעפל

... כ׳קען נישט פאַרבלייבן גלייכגילטיק צו אַ רייטפערד ווען אין גאַלאָפּ בליצן דריי שוואַרצע לענגלעכע פלעקן, געקרייצט דורך אַ ווייסן. פיר שוואַרצע פיס — דאָס איז דער מאַנאַטאָן פון אַלעמען, דער לאַנגווייליקער לייטמאָטיוו פון פילקאָלירנדיקן ספעקטרום.

דאָס פעלד: אויסגעגלעטער, פאַרקנאָטענער מאַניאַזש, ברייט־לענגרינג פון אינווייניק אַרומגעגרענעצט מיט לאַנגע שטאַנגען. אין דער מיטעלער לערקייט — אָפּפאַל, שאָלעכץ פון זאַכן פאַרן מויל. די ביידלעך פון דרויסן הוסטן מיט ווינט, גליען מיט היץ, שטילן זייער דאָרשט מיט רעגן ווען ס׳רעגנט, טראָגן פאַרפראָסטענע וואָנצן אַרום די פראַנזן פון די משופּעדיקע דעכלעך מיט צענטער־שפּיצלעך.

פון פערדס פיס אַרויפצו — דעם זשאָקעיס קאָמיש מיצל ווירבלט אין דער געדיכטער לופט: שוואַרצגרין, בלאָרויט, געלווייס; און פאַרשווינדט צו דער צווייטער זייט. פליט פאַרביי אַ ראָב, רויטברוסטיקער פויגל, רויב־פויגל, טויב. טאַ־טאַ־טאַ־טאַ! טאַ־טאַ־טאַ־טאַ! (טאַקט אויפן לעצטן טאַ). דורכן פאַרגרעסער־גלאָז זעט איין אויג עטוואָס,ביידע מער, אויך — עפּעס אַנדערש. ווייטער שטרעקט זיך פּוסט פלאַץ. אַ פאַרשטאַנענע וואַסערל, ווי אַ גרויסער אומגעפיילטער קאַרבונקל, אַריינגעפּאַסט, באַצירט אַרום מיט בליענדיק גרינס, צעאַקערטער ערד, אַ שטאַל־שאָף אין א ווייטן ווינקל. נענטער — אַ מוראַשקע־מין געזאַמל. די הילכיקע שטילקייט איבערהאַקט דורך קנאַלן, קאָנוואולסיווע אויסברוכן פון רעגעדיקע

הענט, פיס, קעפּ, באַוועגונגען קאָנצענטרירט אויף פּערדפּיס, זשאָקעי־מיצלעך, קליינע יינגלעך מיט דינע גרילצנדיקע קולות:

— וואַסער! זיס וואַסער! ווייניק וואַסער! פּלעצלעך! „נומער זיבן" שניידט זיך פאָרויס! קאָנפּעטן! ניסלעך געזאַלצענע, געטריקנטע! —

(דער געפּילדער פון דימינוענדאָ ביז קרעשטשענדאָ, און אומגעקערט. נעז, מיילער, שטערנס, ליפּן, האָר — עס שיילט זיך אַרויס אַ געזיכט: דאָס געזיכט. איצט בין איך זיכער).

... איידלגעטאָקטע קעפּלעך פון פרויען מיט גרויסע טייסטערס ביי דער זייט — און אַ צוק פון קאָפּ ביי יענער מיטן בינטל יאַפּאַנעזישע אַרבעסצווייט אין לאַץ פון איר רייטערשן אָנצוג. פאַרבייגעלאָפן עמעצער און איר אַ שטויס געטאָן. אָפּגעשטעלט זיך אויף אַ רגע — צו בעטן אַנטשולדיקונג מסתם — און ס'האָט איבערגעשלאָגן אַ דויערנדיקער קלונג. זיין קאָפּ איז שוין געווענדט צום סיגנאַל־סלופּ מיט דער פּירעקיקער ברעט פון אויבן:

— „היצקאָפּ" — 3
— „שאַך" — 5
— „ושתי דער דריטער" — 7

... זיבן! זיבן געווינט! „ושתי דער דריטער" געווינט! „ושתי דער דריטער"! אַך דו פאַרדאַמטער „ושתי"! הורררררראַ פאַר „ושתי"! הורררררראַ פאַר זיין זשאָקעי פלאָרענט!... פיין... הורררררראַ! הוררראַ! הוראַ...

די גאַנצע מוראשקע־נעסט פאַרוואַנדלט אין אַן אָקטאָפּוס. פלאָרענט זיצט אויף איר, הוידעט זיך איבער איר און פאָכט מיט זיין געלוויס מיצל — הוררא!

אין בײדל בייגט זי זיך אַריבער, מיט די פעלד־גלעזער ביי די אויגן, צו איר באַגלייטער אין אַ ווייסן ריפּסענעם אָנצוג, און מיט אַ פאַרשוויצטן פּליך. אין איין האַנט האַלט ער אַ פּאַנאַמע אויף די קני, מיט דער צווייטער הערט ער נישט אויף צו ווישן פלאַנמעסיק דאָס פעט־פאַרלאָפן פנים, און דעם נאַקן מיט גרויען שטויב אין די טיפע קנייטשן.

— פאַרשפּילט? וואָס, ׳סט פאַרשפּילט?

ער וואַרט אַ ווילע און ענטפערט נישט אינגאַנצן קלאָר פאַר זיך אַליין:

— פאַרשפּילט? יאָ, יאָ... פאַרשפּילט... נישט אינגאַנצן פּילייכט. כ'מיין, פאַרשפּילט אינגאַנצן מיינס. דער גאָטפאַרדאַמטער „שאַך" האָט ממש דעם האַלדז איבערגעשניטן. אָן אַ מעסער געקוילעט. כ'האָב אָבער נישט געוואָלט שטעלן אויף אים אַפילו קיין גראָשן... אַזאַ פאַרגעפּיל געהאַט...

— צום טייוול מיט דיין פאַרגעפּיל!

— דאָס איז דאָך עס. אַ שפּילער, ווען ער טרויט נישט זיין פאַר־געפּיל איז אַ פאַרפאַלענער מענטש, ווערט שטענדיק צום סוף פאַרראַטן. אָהאָ, אַזאַ איינער קען שוין מער קיין תחית המתים נישט אויפשטיין. עס בלייבט דאָך פאָרט דאָס הויז מיט דיין ביסל צירונג.

זי גיט זיך אַ האַסטיקן הויב, צאָרן אין אירע אונטערגעפּירטע אויגן:

— מיין הויז? מיינע ברילִיאַנטן? וואָס האָט עס צו טאָן מיט דיר?

— אָבער, טייערע, ס'איז דאָך געווען מיינס פאַר דיינעם. כ'האָב עס דיר אָוועקגעשאָנקען, ריכטיק, אָבער...

— ווילסטו עס איצט צוריק, ווי אַ דזשענטלמאַן האַנדלט אונטער ענלעכע אומשטענדן?

— ניין, ניין, ס'איז אונדזערס. הער, וואָס איז דען פאַראַן צו שמו־עסן? אין צוויי וואָכן צייט וועיז איך דיר אַז מיר וועלן צוריקקריגן דאָס גאַנצע פאַרלוירענע, מיט אַ שמיצל. די שפּילקע פון אינדישן ראַזשאַה וועט סטייען צו דעקן אויף „ושתין". וואָס זאָג איך צוויי וואָכן...

אירע פינגער האָבן אַ שפּיל געטאָן מיט דעם קליינעם בוקעט יאַפּאַ־נעזישע בלימלעך אין לאַץ, דער פאַכער האָט קוים באַרירט אַ פּאָר מאָל אירע ליפּן, אויף וועלכע ס'האָט געשפּילט אַ צווייפלדיקער וועלט־אַנט־דעקנדיקער שמייכל:

— איין מינוט...

ער איז פאַרבליבן אַליין, אַ וואַקל געטאָן זיך אויף דער באַנק, גע־מאַכט מיטן קאָפּ אויף יאָ. די פּאַנאַמע האָט געגעבן אַ צוקיקן זשעסט אין דער לופטן און ער האָט אויפגעהערט ווישן די פאַרשוויצטע טיילן פון זיין פיזיאָנאָמיע.

דער אָראַנזשהימל מיט דער בלוטיקער טרויב האָט פאַרפאַלגט פון אויבן אַראָפּצו די אויטאָמאָביל־מענגע וואָס האָט זיך געצויגן איבער דעם געפלאַסטערטן שליאַך פון מאַניעזש־פעלד אין שטאָט אַריין. די טרויב

האָט נישט געפּלאַצט ווי זי האָט געדראָט צו טאָן, כדי צו פאַרפּלייצן די רעווענדיקע קייקלענדיקע מאַשינען אין איר פורפור אַפּולענטקייט. אייני־קע האָבן דערגרייכט אַ רעסטאָראַציע אין מיטנוועג און אָפּגעשטייגט זיך דערפרישן. אַנדערע זענען אַהיימגעקומען אויסגעמאַטערט פון גרויסן רײ־זיקאַלישן טאָג און, נאָך אַ לייכטן איבערבייס, זיך אַריינגעוואָרפן אין זייערע געלעגערס רוען. געווען אַזעלכע וואָס האָבן זיך אָפּגעשטעלט ביי גאַנץ געוויינלעכע, פון דרויסן כמעט איינגעפאַלענע חורבות, אינווייניק פאַרלאָדענע מיט לוקסוס פון ספּעציעל עטאַבלירטע ראַנדעוווּ־סאַלאָנען פאַר פּריווילעגירטע סענסואַליסטן. אויטאָמאָבילן האָבן זיך אָפּגעשטעלט ביי אייגנאַרטיקע, באַשיידן־שרייענדיקע טירן פון קאַבאַרעטן. אויטאָמאָ־בילן זענען מיט איבערגעאיילטע אָטעם־פאַרכאַפּנדיקע צוגן פון זייערע מאָטאָרן ראַשיק פאַרזאָטן געוואָרן פאַר הייזלעך מיט צניעותדיקע ווייסע פאָרהאַנגלעך, אויף זייער שטילן אופן דערציילנדיק געמיטלעכע מעשיות פון 1001 נאַכט, נייע שעכעראַזאַדע ווערסיעס: דער קאַליף איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ גראָבבייכיקן פינאַנסיר; די געפּלאָגטע אַראַבערן מיט גע־זאַלבטע אברים איז געווען אַ ווולגאַרע צוויי־מאָל־אַ־טאָג אַקטריסע, ווע־מעס דינסטמיידל איז פאַרבליבן אין מאַשין מיטן קליינעם פּודל, בעת די באַלעבאָסטע פוןביידע האָט נאָכגעפאָלגט אין די טריט פון איר קאַליף.

פלאָרענט דער זשאָקעי פון פריזפערד „ושתי דער דריטער״.

זי מיט דעם יאַפּאַנעזישן בלומענבינטל אין לאַץ פון איר רייטערישן אָנצוג.

(פיר ווענט. ביליקע אָלעאָגראַפיעס. אַ טיש מיט צוויי אויסגעבעטע שטולן. טייערע שפּייזן. אַש און האַלב נישט־דעררויכערטע סיגאַרעטן. ווייַן פאַרגאָסענער טישטעך.

פיר ווענט. סוגעסטיווע פאַרביקע בילדלעך. אַ פּאָר שלייקעס און אַ פּרויאיש עלאַסטיש אונטערהעמדל איבערגעוואָרפן איבערן הענטל פון שטול.

צוויי פליגל סימולירנדיק
רעגונג אין אַ קנויל כאַאָטיש רעגירנדיק
אין צוואָרפענעם בעט).

ס׳איז פאַראַן נאָך אַ ווערסיע:

איין אויטאָמאָביל האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן אַ גרויס רעזידענץ־הויז אין עקסקלוזיווער געגנט. אַ מאַן אין אַ ווייסן ריפּסענעם אַנצוג מיט אַ פּלוסטער־פּנים, איז אַרויס פון מאַשין, געהייסן דעם שאָפער וואַרטן אַ ווײַלע און אַליין אַרײַן אין גערוימען וועסטיבול פון הויז. דער שאָפער האָט זיך, נאָך זײַן געוווינהייט, צעלייגט אין דער ברייט פון געזעס, אַרויס־גענומען פון קעשענע אַ צעקנייטשט גאַסנבלאַט, איבערגעלייענט די ספּאָרט זייט פון אָנהייב ביז סוף, באַטראַכט די אַנאָנסן, אַ בליק געטאָן אויף דעם פינאַנציעלן צושטאַנד פון דער בערזע, איבערגעבלעטערט, דורכגעלייענט אַ קעפּל „איראָפּע איז קראַנק, די באַלדיקע הילף פון אַמעריקע נויטיק״, ווייטער „זאָגט זי איז נישט שולדיק אין איר מאַנס טויט״, איבערגעלייענט כמעט דעם גאַנצן ראַפּאָרט, פאַרטשעפּעט זיך מיט אַ פאַרבייגייענדיק מיידל, געזוכט צו פאַרבינדן אַ שמועס מיט איר, באַגריסט דעם דערביי־איקן פּאָליסמאַן, וועלכער האָט שמייכלענדיק מיט אַ ווונק אויפן הויז אָנגע־דייט אויף עפּעס, אויף וועלכן דער שאָפער האָט אים צוריק מיט אַ גנבישן שמייכל אָפּגעענטפערט אויף „יאָ״, געוואָלט ווייטער אַרײַנקוקן אין דער צייטונג, אַרויסגענומען דעם זייגער —

— וואָס הייסט עס? אַזוי לאַנג נאָך קיינמאָל נישט פאַרזאַמט זיך דער אַלטער בעל עבירהניק!

דער שאָפער האָט אַרויפגעבליקט צום צווייטן גאָרן פון הויז און ביים פענצטערל האָט זיך אים ווי אויסגעדאַכט אַז זײַן באַלעבאָס שטייט־נישט־ער־שטייט, זיצט־נישט־ער־זיצט עפּעס ווי אָנגעלענט אויפן פענצ־טער־ראַם און די אויגן זײַנע קוקן — סטאַרטשען אַרויס גלײַכגילטיק: נישט צו אים אַראָפּ, נישט צום אויטאָמאָביל, נישט צו די הייזער דער־נעבן, נישט צו די שכנישע גאַסן, נישט צום טייך, וואָס פליסט פאַרביי, נישט צו די פּאַליסאַדן פון יענער זייט טייך. דער בליק האָט ווי געזוכט צו לעכערן דעם הימל, געוואָלט זען אַלץ מיטאַמאָל, דאָס מערסטע וואָס איינעמס צוויי אויגן קען געגעבן ווערן צו זען.

נאָך ווערסיעס זענען פאַראַן: —

פאַר די טעגלעכע צייטונגען איז די גאַנצע געשיכטע געווען אַ גאָלד־גרוב, אַ מילעניום פון עקסטראַס. דער ריפּסענער אַנצוג מיטן גלאַטן פּליך,

דאָס בינטל יאַפּאַנעזישע אַרבעסצווייט אין לאַץ און פּלאָרענטס זשאָקעי־
מיצל, וועלכע האָבן היינט אין איין צייטונג און מאָרגן אין אַן אַנדערער
באַצירט דעם פּאָדערבלאַט, האָבן מיר געהאַלטן אין איין דערמאָנען ווי־
כ׳קען (אין קיין פּאַל) נישט פאַרבלייבן גלייכגילטיק צו אַ רייטפערד וועז־
אין גאַלאָפּ בליצן דריי שוואַרצע פּאַסנדיקע פלעקן געקרייצט דורך אַ
ווייסן. פיר שוואַרצע פיס — דאָס איז דער מאָנאָטאָן פון אַלעמען, דער־
לאַנגווייליקער לייטמאָטיוו פון פּילקאָליריקן ספּעקטרום.

אַ זומער פּאַסטליוד

דער וועטער האָט זיך אויף אַן אומגלויבלעך שנעלן אופן געביטן. נאָך נעכטן איז געווען אַזוי הייס; די ציטונגען האָבן געמאָלדן ווי אין האָבאָקען, ניו דזשוירזי, איז אַ מאַן בייגעקומען געוואָרן פון דער היצי־קער כוואַליע. און היינט איז שוין קאַלט. אין דער פרי איז די זון אויפ־געגאַנגען אַזוי, אַז שפּאַצירנדיק האָט מען געפילט ווי פון דער ערד, דורך דעם אַספאַלט און מאַקאַדאַם, רייסט זיך אַ פרירנדיקע קעלט כאָטש פון הימל אַראָפּ ציט זיך דער מאָנאָטאָנער ברילי־אַנט פון דער זון. די לופט איז געווען נייטראַל, און האָט פּראַכטפול געמישט אין זיך צוויי פאַרשיי־דענע אַראָמאַטן. די דינע, עטוואָס צוגעטרוקנטע בלומען־שטאַנגען אין גערטנדל פאַר דער וועראַנדע האָבן זיך יאושדיק געבויגן צו דער ערד, און די זאַפרען־קאָלירטע גרעזלעך האָבן זיך צוזאַמענגעקאָרטשעט אין דרייען. די יונגע אַקאַציעס אין דער רייע הייזער פון אַ פאַרוואָרפענער מייפלטאָן־פּאַרק־גאַס האָבן זיך באַוויגן מיט זייערע פאַרשטיקט־רוישנ־דיקע בלעטלעך. פאַרנאַכט צו, ווען קיין צייכן פון זון איז נישט געבליבן, האָט דער דרויסן אויסגעזען שוואַרץ, די לופט איז געווען פּראָסטיק און האָט זיך געפּרוווט פאַרגנבענען צום מויל, צו די נאָזלעכער און קיצלען זיי מיט אַ קילן גרויל.

אין זאַל איז שטיל און קיין ליכט נישט אָנגעצונדן. אין דעם טונקל איז די שטילקייט נאָך שטילער. ער זיצט נעבן דער פּיאַנאָ און זיינע פינ־גער שפּאַצירן אום איבער די ווייסע און שוואַרצע ביינדלעך, וואַריאירנ־

דיק מעקדאָוולס „צו אַ ווילדער רויז״. ער שפּילט די זאַך אין עטלעכע שליסלען; פריער אין אַ נערוועזער, סטאַקאַטאָ־שטימונג, דאַן מיט דער גאַנצער מאַיעסטעטישקייט פון שאָפּענס אַ באַלאַדע. די פינגער רעגן שאַטנדיק דיביינדלעך, און די לעצטע גיבן זיך אונטער די ערשטע, ניי־דערן אַראָפּ, דערלעזן אויס אַ פּאָר מינאָר טענער, וועלכע בלייבן הענגען פּאָר אַ רגע אין דער לופטן, ווי קיניגלעכע אָרגאַן־קלאַנגען, און קומען באַלד אַרויף, פאַרשליסנדיק אין זיך די גאַנצע שיינע מעלאַנכאָלישקייט פון אַקאָרד.

ער זיצט אַזוי ביי דער פּיאַנאָ, און עס קומט אים פאָר ווי ער חלומט. ס׳דאַכט זיך אים אַז זי איז נאָך דאָ. מאָרגן גייט זיין אַ טאָג. דער וויפלטער ביי זיי? דער הונדערטסטער פיליכט. דער טאָג וועט זיך אָנהייבן מיט אַ גרויסן גליק־צוזאָגנדיקן פרימאָרגן. זי קומט אַראָפּ פון אויבן אַרום ניין. ער איז שוין וואַך פאַר די לעצטע דריי שעה. ער האָט זיך שוין אָפּגעבאָדן, טראַכטנדיק וועגן איר; איבערגעבלעטערט אַ פּאָר צייטונגען, טראַכטנדיק וועגן איר; פאַרזוכט צו קאָרעגירן אַ פּאָר דערציילונגען וואָס גייען אַריין אין זיין ניי בוך, טראַכטנדיק וועגן איר און דערפאַר פיליכט איז פון זיין אַרבעט גאָרנישט אַרויסגעקומען. עס איז אים פריקרע געווען אין אַלגע־מיין צו טאָן עפּעס אַזוינס אין וועלכן זי זאָל קיין אָנטייל נישט קענען נע־מען. איר קרבן איז געווען צו גרויס, כמעט אַלץ־אויסשעפּנדיק, אייגנליבע איינגעשלאָסן. און ער האָט געפילט, אַז ער באַדאַרף איר דערפאַר אָפּצאָלן מיט דער זעלבער מטבע. און אַזוינאָך, — טאָמער פלעגט זי זיך פאַר־שלאָפן שפּעטער ווי נאָך ניין, און ביי אים האָט זיך די אַרבעט נישט געקלעפּט, טראַכטנדיק וועגן איר, — פלעגט ער אויף שטילע קעצישע טריט אַרויפגיין מיט די טרעפּ און אַ כאַפּ טאָן אַ בליק דורכן שפּעלטל פון דער עטוואָס אָפן־געבליבענער טיר. זי איז מערסטנטייל געשלאָפן גאַנץ געשמאַק אין אַ מידער און גליקלעכער שלאָף־פאַרגעסנהייט. ער האָט ליב געהאַט צו שטיק אַזוי לאַנג און איר באַטראַכטן, און אין האַרצן האָבן זיך געוועבט דאַן ביי אים אַלערליי מעגלעכקייטן וואָס האָבן אים שיער־שיער פון זינען אַראָפּגעפירט.

איז דאָך נאָך מעגלעך, אַז זי זאָל פאַרבלייבן ביי אים אויף שטענדיק. (ביים לעצטן וואָרט האָבן זיינע ליפּן אָנגעהויבן צו שטאַמלען און נאָכזאָגן

אין האַרצן די ווערטער ווי אַ תפילה). שטענדיק. אָט ווי איצט אַ שטיי־גער. זיי וועלן פאַרבלייבן דאָ אין דער נעסט אין שטילן געגנט פון מייפּל־טאָן־פּאַרק, מיט דער וועראַנדע, מיט די בלומען, מיט דיביימער, מיט מאַנהעטן ביטש עטלעכע מינוט צוצופאָרן אַהין און באָדן זיך אין די הייסע זומער־טעג, און די עקסקורסיעס, און די שטילע פליגלעך־באַזשום־טע זומער־אויפדערנעכט, און זייער זיצן איינער לעבן צווייטן, און זייערע אומאַרמונגען, וואָס לויפן אָן אין פעריאָדן, אָט אין ספּאַזמען, אין אָטעם־פאַרכאַפּנדיקע ליבע פריידן, און אָט אין געלאַסענע אָפּגעהיטע צערטלעכ־קייטן, פון באַיאָרטע און מינדעריאָריקע.

זי וועט שפּילן, ווי נאָר זי אַליין קען, די פּיאַנאָ־עטיודן פון די יונגע איטאַליענער וועלכע האָבן מער ווי אַנדערע מאָדערניסטן אָנגעכאַפּט דאָס לעבן ביי די הערנער. ער ליגט אויף דעם דיוואַן לעבן איר, און ווען זי אימפּראָוויזירט טעמעס מיט דער רעכטער האַנט, בלאָנקען די פינגער פון איר לינקער האַנט אום אין זיינע האָר און רופן זיך אָפּ אין זייער באַוועגלעכקייט צווישן די האָר אויף זיין קאָפּ ווי זיי וואָלטן געשפּילט דעם אַקאָמפּאַנימענט צו דער קאָמפּאָזיציע. אָפּטמאָל אין אַזעלכע מינוטן, פאַרטראַכט ער זיך מיט רחמנות וועגן איר מאַן. עס טוט אים נישט ווי־ פאַר יענעם. אָבער ער פילט ווי עס ווערט אין יענער ווילע געבוירן אַ געפיל ביי אים פון וועלכן ער האַלט אונטער זיין ווירדע באַזעסן צו ווערן. דער געפיל איז פאַרוואָרצלט אין פאַרדרוס, אין אַ האַרץ־שטשע־מענדיקן ווייטיקדיקן פאַרדרוס. אויף וועמען? אויף איר, וואָס זי האָט אַזוי לעכערלעך געלאָזט זיך אָפּנאַרן פון אַ סובסטיטוט־געפיל מיט עטלעכע יאָר צוריק? אויף איר מאַן, וועלכער האָט אַ דאַנק דעם פאַטאַלן טעות געוווּנען די שפּיל? אויף זיך זעלבסט, וואָס ער האָט אַזוי קינדעריש פאַר־זען ווי דער וועג צווישן זיי איז צעשפּליטערט געוואָרן מיט אַ טיפן אומ־קרייזבאַרן תהום?

ער וויל אָבער נישט פיל טראַכטן וועגן דעם. דער „איצט" איז געווען אַ גליקלעכער און אויף ווייטער — אויף ווי לאַנג? — אַ גליק־צוזאָגנדי־קער. ער שטרעקט אויס די האַנט צום סערוויר־טישל און נעמט אַרויס פון קאָרב אַ האַלבע פּרוכט פון וועלכער עס טריפט זאַפט. ער טראָגט צו די פּרוכט צו אירע ליפּן און דאַן צו זיינע און, ווי אין אַ ריטואַל, דער זין פון וועלכן עס איז קיינמאָל נישט אַרומגערעדט געוואָרן פון זייביידן, לייגט

ער די פּרוכט צוריק אַוועק אין זילבער־קאָרב. און זיי זענען ביידע גע־זעטיקט פון דער צוזירונג צו דער האַלבער פּרי. און עס איז אַ פּרעליוד צו אַ זעלטענער ליבע־באַציִונג צווישן זיי. און ווען ער קלאַמערט זי אײַן אין זײַנע אומגעזעטיקטע, נאָך־איר־פֿאַרחלשטע אָרעמס, קומט אים אַרויף דער געדאַנק, אַז מיט דעם ערשטן ווײַען פון אַ סעפּטעמבער ווינטל וועט זי דאָ מער נישט זײַן. זי האָט אים באַלד נאָכן אָנקומען געגעבן אָנצוהערן, אַז זי דערוואַרט נישט צו טוליען זיך צו אים אין די קאַלטע ווינטער־פֿאַרנאַכטן. זי איז געקומען צו אים בלויז פֿאַר דער בליאונגס־צײַט. (זי האָט שוין אין קיין זאַך נישט געגלויבט). זײַן ציל איז געווען זי זאָל פֿאַרבלײַבן דאָ מיט אים אויף אַ לאַנגער צײַט, אים אָפּגעבן זײַנע קושן, זײַנע אומאַרמונגען, זײַנע קינדער און זײַן עלטער מיט איר. (ער האָט נאָך אין אַלעמען געגלויבט). זי האָט אָבער מיט פֿאַרקלעמטע ליפּן גע־שמייכלט. זי האָט קיין ציל נישט נאָכגעפאָלגט. פֿאַרוואָר: זי האָט איבער־גערעכנט דעם חשבון און דערזען אַז די סומירונג וואָס זי האָט אונטער־געפירט מיט עטלעכע יאָר צוריק איז געווען אַ פֿאַלשע. עס האָבן דאַן געפעלט אַ פּאָר דאַטעס, און זיי זענען פֿון איר פֿאַרזען געוואָרן. די צײַט האָט די פֿאַלשע רעכענונג אַרויסגעבראַכט, איז זי געקומען צורעכטמאַכן — צורעכטמאַכן דאָס וואָס זיי וועלן קיינמאָל נישט קענען צורעכטמאַכן אויף אַן אמת.

און אַזוי איז געקומען די מינוט פֿון איר אָפּשייד. זי האָט אײַנגע־פּאַקט אין איר רענצל אַלע אירע זאַכן. און ווען אַלץ איז שוין פֿאַרטיק געווען, האָט זי גענומען זײַן בילד, וואָס איז געשטאַנען אויפֿן בריק־אַ־בראַק טישל אין זײַער שלאָפֿצימער, דאָס בילד וואָס זי האָט מיט איר אַפּאַראַט פֿון אים אַראָפּגענומען מיט יאָרן צוריק.

און נאָך אַ בילד האָט זי גענומען. דאָס איז געווען די פֿאָטאָגראַפֿיע וואָס האָט אים געוויזן קראַנק צו זײַן, אָדער נאָר וואָס איבערגעקומען אַ שווערע קראַנקהייט. זי האָט געפֿילט, אַז ביידע בילדער זענען אירע, גע־הערן צו איר. ער האָט איר קיינמאָל נישט אויסגעזאָגט אַז די צווייטע פֿאָטאָגראַפֿיע איז גענומען געוואָרן גראָד אין יענער צײַט ווען ער איז געוואָר געוואָרן אַז זי האָט חתונה געהאַט, און ער איז דאַן אַרײַנגעפֿאַלן אין אַ שווערער קרענק. אים האָט זיך דאָך געדאַכט, אַז זי לייענט עס אַלץ אַראָפּ פֿון בילד.

אָט זענען זיי שוין אין דעם פּענסילווייניע־דעפּאָ. זי ווייזט אים אָן אויף אַ פּאָרל וואָס קאָן זיך נישט אָפּרייסן איינער פון צווייטן, געזעגע־נענדיק זיך. זי האָט אַ שמייכל געטאָן, ווי זי וואָלט אָפּגעשאַצט די קאָ־מישע גראַדיקע באַוועגונגען פון דעם פאַרליבטן פּאָרל. ער האָט אָבער גע־מוזט אַוועקנעמען זיינע אויגן פון איר פּנים, ווייל איר נערוועזיטעט האָט ער דערפילט איז אַ העכסט געשטימטע. מיטאַמאָל איז אים קלאָר געוואָרן אַז ווען ער זאָל איר איצט אָננעמען פאַר דער האַנט און אַרויספירן פון סטאַנציע, וואָלט זי אים נישט אָפּגעווענדט פון צוריקברענגען איר מיט זיך אין זיין הויז. און מער ווי דאָס איז אים ווי דורך אַ ווונדער אַנטפּלעקט געוואָרן.

... זיינע פינגער לויפן איבער די ביינדלעך פון דער פּיאַנאָ. און ווען זיין רעכטע האַנט האַלט אין אימפּראָוויזירן, בלאָנדזשעט די לינקע האַנט אַרום אין דער לופט: אין אירע לאַנגע זיידענע האָר. ער ציט די האַנט אויס נאָך אַ צעשניטענער פּרוכט און טראָגט זי צו צו זיינע ליפּן, באַרירט קוים, און שטרעקט די פּרוכט אויס אין דער לופט: צו אירע ליפּן. ער זיצט אויפן דיוואַן, און זיין רעכטע האַנט איז פאַרמירט ווי אַ בייגל אַרום אַ חלל — דאָס האַלט ער זי געקלאַמערט אין זיינע אָרעמס. און ער גע־דענקט נישט פּינקטלעך די צייט ווען זי איז געקומען צו אים, און לער איז אין דעם ווינקל פון מוח אין וועלכן ס׳האָט זיך איינגעזאַפּט די לעצטע מינוט פון איר אָפּפאָרן. ער זעט נישט דאָס ווייסע לופט־געשטרייפטע טי־בעלע אין איר האַנט: „זיי געזונט״! ער זעט נישט איר בלאַסע האַנט ביי אירע פאַרבלאַסטע ליפּן: „זיי געזונט״! ער זעט נישט איר פאַרטרעטן בליק, פאַררונדט מיט דעם וואַגאַנס בייג, עקשנותדיק קאָנצענטרירט, ווי אין לעצטן הויך פון גסיסה, אויף איין פּינטל — די גאַנצע וועלט — אויף אים: „זיי געזונט״!

און אין דרויסן פאַלט צו שטאָק די נאַכט.

וואָס צום טייוול איז דאָס?

— ס׳הערטזיך?

— אָנגעשריבן.

— ווען?

— נעכטן ביידערנאַכט.

— עפּעס נישקשה?

— הער. „מאָנטיק. זעקס דרייסיק פאַרנאַכט.

אויפן דיל לאַנגווײַלן זיך נאָך עטלעכע פאַרזעענע שטראַלן פון דער זון. אַ שאָטן פון אַ מויז, לענגלעך און פלאַך אין שײַן פון פענצטער, קרייציקט זיך אַדורך אַ פּאָר מאָל דעם דריטן שטראַלס אָפּשײַן, הין און צוריק, הין און צוריק. מיטן פעדערשטן לאַפּקעלע טוט ס׳מײַזל זיך אַ קראַץ ס׳נעזל און מיט אַ דריבנעם שפּרונג — אַרײַן אין גרויסן ווײַכן באַרג קויטיק גרעט. אַ סעקונדע לאַנג באַוועגט זיך אַ היפּשער טייל פון דער וועש־מאַסע. שטיל. פון יענער זייט טיר דערטראָגט זיך אַ פּלאַפּל פון אַ קינד און שווערע אַרויפשטייגנדיקע טריט אויף די טרעפּ. די טיר עפנט זיך. אַ יונגע פרוי מיט פּעקלעך און אַ קישעלע אין די הענט שפּאַנט מיד איבער דעם אַרײַנגאַנגצימער, עסצימער, אין קיך אַרײַן. דאָס קליינע מיידעלע שלעפּט אין איין האַנט נאָך זיך אַ ליאַלקע, באַלד אַזוי גרויס ווי זי אַליין, ביי די האָר, און מיט דער צווייטער האַלט זי אַ הילצערן הענטל פון אַ קיילעכן אַ קאָנפעט אין מויל. דאָס קינד פאַרנעמט זיך אין עסצימער מיט דער ליאַלקע און דעם זיסן. די יונגע מוטער גייט אַרום געשיר אין קיך און טראַכט וועגן איר יונגנמאַנס היימקומען. היינט קאָכט זי פון

זיינטוועגן זיין באַליבט מאכל: גאַנדז־פלייש פּאַרפּראַוועט מיט פלוימען־יויך און ווייניקע באָסטן־בעבלעך. זי איז זייער צופרידן. פּילט כמעט נישט די מידקייט פון טאָגס ווירוואַר. ווישט אויס עטלעכע טעלער, לעפל, מעסערס. באַטראַכט דעם האַנטעך. מאַכט אָפּ ביי זיך אין געדאַנק: נישט אינגאַנצן זויבער. נעמט אים צונויף אַט־אַזוי־אַ, און שפּאַנט געאײַלט צו דער קופּע קויטיק גרעט אין אַריינגאַנגצימער. שליידערט דעם האַנטעך אויפן באַרג. עפּעס טוט אַ שפּרונג פון דאָרט איר אַנטקעגן. זי ווערט דער־ציטערט. דערפילט אַן אינסטינקטיוון עקל צו אַן אָפּשיילאַך לאַנג דין ווײַדעלע וואָס האָט איר אַ בליץ געטאָן פאַר די אויגן. אַן אומבאַהאָלפענער „האַ־האַ״! אַנטרונט פון איר האַלב צעעפנט מויל. לויפט אין עסצימער. כאַפּט דאָס מיידעלע אויף די הענט. דער ערשטער אימפּולס איז אַרויפ־צוטאַנצן אויף אַ שטול. מיט דעם קינד אין די אָרעמס פילט זיך אָבער אַ האַמעטנעקייט אין די באַוועגונגען. די פלינקייט פאַרשווינדט. בלייך אין פנים, בלייבט שטיין אַ פאַר מינוט, צעשראָקן. די טיר עפנט זיך. אַ יונגערמאַן לויפט צו צו זיי ביידע ווו זיי שטייען ווי אין אַ ווינקל אין מיטן צימער. פרעסט אָפּ אויף גיך: דער אַ קוש, דער אַ קוש.

— וואָס ביסטו אַזוי בלאַס?

דאָס מיידעלע רייסט זיך צום פאָטער, נעמט אים אַרום מיט די הענטלעך און פּלאַפּלט אויף איר אייגנאַרטיקער שפּראַך:

— פאַפּאַ... פאַפּאַ... געבראַכט ס׳מייזעלע היינט? געקויפט מיר אַ מייזעלע??? האָסט צוגעזאָגט... נעכטן ווען איך שלאָפן געגאַנגען... ס׳דער־ציילט אַ מעשה... אַ קליין שיין מייזעלע... כ׳ל זיך שפּילן ווי מיט דער ליאַלקע...

דער יונגערמאַן לאַכט גליקלעך. קוקט פריידיק אויף דער מוטער. זי דאַרף באַוווּנדערן דעם קינדס זעלטן געדעכעניש. ס׳אַראַ תּפיסה! די יונגע פרוי שמייכלט צו, בלאַס. ווייסט נישט ווי אַזוי צו רעאַגירן, וואָס צו זאָגן. שפּאַנט צוריק אין קיך אַריין. פּרוּווט אַראָפּטרייסלען פון זיך די קאָמישע שרעק און נעמט זיך צום געשיר״. געפעלט דיר?

— שיער נישט געניאַל. איצט הער מיין זאַך. „אויפן קישן ליגט אַן אויסגעצערט געזיכט און אונטערן דינעם ליילעך אויפן בעט זעט זיך אַ סילועט ווי פון אַ סקעלעט. די אויגן געווענדט צו דער סטעליע. אונ־טער די אויגן ברוינע שטיקער הויט און דער שטערן מיט דעם איבעריקן

טייל פנים איז אַש קאַלירט. נאָך אַ פינף מינוט קאָנצענטרירטן באַטראַכטן דעם סופיט האָבן די אויגן זיך געווענדט צו דער וואַנט אויף וועלכער ס׳איז געהאַנגען אַ ביליקע גראַוויר פון אַ זומערדיקן לאַנדשאַפט, אַ פּאַס־טעך אָנגעלענט אויף זיין שטאָק און עטלעכע גראָז־גריזשנדיקע שאָף וועמען קיין זאַך גייט נישט אָן. דערנאָך גייט זיין בליק אַריבער צום טויזנטסטן מאָל צו ד״ר הערצלס ביוסט אויף דער ביכער־שאַפע אַנטקעגן. און דאַן צו די גאָלד־געזעצטע אותיות פון מענדעלעס לוקסוס אויסגאַבע. אויך אַ פּאָר איינצלנע בענד פון דעם געזעליקטן זייפערטס ראָמאַנען אויף דער אויבערשטער פּאָליצע. דאַן — צום קעגנדיקן פענצטער. אויפן דאַך פון פריוואַטן צווייגאָרנדיקן הויז שפּילט אַ יינגל מיט אַ ראָד. איטלעכס מאָל קערט זיך עס צוריק צום יינגעלע וואָס האַלט עס אין איין צוריקשליידערן.

אויף שטילע גנבנדיקע טריט קומט אַריין אַ „שוועסטער״ אין ווייסן, מיט אַ לעכערלעכן ראָזעט אויפן קאָפּ ווי אַ קליין טשופּטשיקל.

— איר דרעמלט?

אַ מאָדנע געפיל כאַפּט אים אַרום צו דער שוועסטער מיטן ראָזעט. באַלד הייבט זי אים אָן ווידער מאַטערן מיטן רעצעפּט און די פילן און די פלאַסטערלעך. זי ווייסט אַז ס׳איז איבעריק. אומזיסט אינגאַנצן די אַרבעט. בעסער וואָלט מען אים צורו לאָזן, ליגן אַזוי לאַנג ביזקל וואַנעט... זיין כעס גייט איבער פון דער שוועסטער אויף זיך אַליין. אויב ער איז זיכער אַז ס׳איז אָן איבעריקע אַרבעט פאַרוואָס זשע האָט ער זי געבעטן נישט אַוועקגיין היינט אָוונט. ס׳איז דאָך פרייטיק. היינט אָוונט, ווי יעדן פרייטיק, האָט זי זיכער געוואָלט גיין מיט איר געליבטן אין טעאַטער אָדער צו אַ קאָנצערט און דערנאָך פאַרענדיקן זיי מסתם אין אַ קאַבאַרע און הוליען ביז שפּעט אין פרימאָרגן אַריין. נעכטן האָט ער מיט טרערן אין די אויגן אויסגעבעטן ביי איר זי זאָל היינט נישט אַוועקגיין. ער האָט דאָס ביי איר געפּועלט דערמיט וואָס ער האָט איר צוגעזאָגט אַז עס איז מסתם דער לעצטער פרייטיק זיינער און זי זאָל זיצן מיט אים. זאָל לייענען פאַר אים דאָס לעצטע קאַפּיטל „זשאַן קריסטאָף״. ער דערפילט אַ רחמנות צו איר וואָס זי וועט זיך דאַרפן לאַנגווײַלן ווייל זי פאַרשטייט זיכער נישט אַלץ וואָס זי לעזט פאַר אים פאַר. ער פילט ווי ער מוז איר אָפּצאָלן פאַר דעם לאַנגווײַלן זיך מיט זיינע קאַפּריזן אין

פֿאַרלעזן. דאָס געלט וואָס זי קריגט באַצאָלט איז נאָר פֿאַר דעם אַרומגיין אַרום אים, מיט די פּילן, רעצעפּטן און מעסטן די היץ. זאָל זי גיין. פֿאַרברענגען היינט. זי איז נישט זיין שקלאַף. נישט פֿאַר איר ראָמען ראָלאַן, די געהיימניסע פֿון רוסישן קייזערלעכן הויף.

— — — זייפּערט. — איר מעגט אייך היינט גיין, שוועסטער. כ׳האָב חרטה אויף מיין עגאָיזם. מיר וועלן נאָך מסתם נישט איין פּרייטיק צי׳ען און דערציען איניינעם. נאָך געבוג צייט נעמט די לונגען אויסצושפּייען. נאָר זאָגט מיר צו אַז איר וועט „אויסגיין" מיט אייער געליבטן וועט איר טראָגן דעם ראָזעט אויפן קאָפּ, און די האָר פּונקט אַזוי לעבערלעך פֿאַר־קאַמט ווי איר טראָגט זיי דאָ מיט מיר. און דאָס שמאָלינקע לעבערלעכע בלוזקעלע, און דאָס אָפּגעצויגענע גרויע קליידל...

ער האָט זיך פֿאַרקייכט. זי איז צוגעגאַנגען צום בעט. זיך געגומען פֿאַרען אַרום אים. עס איז איר אויסגעקומען שטאַרק מאָדנע צו הערן פֿון אים אַזאַ פֿאָרשלאָג. האָט באַשלאָסן ביי זיך אין קיין פֿאַל נישט אָפּצוטרעטן פֿון אים, איצט. ווען זי האָט אים באַרוי׳קט האָט זי אָפּגערופֿן איר געליבטן און געבעטן ער זאָל נישט זיין ברוגז אויף איר. זי קען נישט, טאָר נישט היינט אַוועקגיין פֿונעם חולה, ווייל די לעצטע טעג פֿון טויטלעכן דעליריום זענען שוין, דאַנקען גאָט, ביי דער האַנט". ווי געפֿעלט דיר מיין דערציילונג?

— ווונדערבאַר. אָבער ס׳איז נישט קיין דערציילונג.

— וואָס הייסט נישט קיין דערציילונג, וואָס דען?

— ס׳א סקיצע. אַ טראַגישע סקיצע, זעסטו, מיין סקיצע — —

— אויב מיין זאַך איז אַ סקיצע איז דיינס נישט קיין סקיצע. דאַן איז דיין זאַך בלויז אַ שטיקל אָנוואָרף. אַ שאַרפֿער אָנוואָרף.

— וואָס מיינסטו אַן אָנוואָרף? גלאַט אַזוי אַ זאַך?

— ווייסטיך, מיר געפֿעלט עס זייער, נאָר קיין סקיצע איז עס נישט.

— פֿון וואַנען ווייסטו אַז דיינס איז אַ סקיצע?

— ווייל כ׳האָב אַזאַ זאַך אַנומלט געזען אין מאָרגן זשורנאַל איז אונ־טער דעם געשטאַנען „סקיצע". דערימאַך — —

— גיי שוין גיי. אַזוי שרייבט מען אַ שטימונג.

— ווי אַזוי ווייסטו אַז ס׳איז אַ שטימונג?

— ווייל איך האָב אַליין דאָ נישט לאַנג אָנגעשריבן אַזאַ זאַך, אונ־טער אַ געווויסער שטימונג.

— און די זאַך דיינע איז דען נישט אָנגעשריבן געוואָרן אונטער אַ שטימונג?

— יאָ, אָבער ס'איז נישט דאָס. איך ווייס אַפילו נישט צי מען מעג עס רופן אַ שטימונג. פאַרשטייסט, מיין זאַך, דאָרט גייט פאַרביי אַ גאַנץ לעבן, טראַגעדיע, שווינדזוכט, טויט, און אונטערטענער פון ליבע, פאַר־שטייסט? אָבער דיין זאַך איז אַזאַ כאַפּ, אַ בליק, אַ קוקעלע...

— האָסטיך נאָר־וואָס געזאָגט אַז ס'איז כמעט געניאַל?

— יאָ, נו. אָבער צו מיינעם קומט עס פאָרט נישט אין פאַרמעסט. מיינס איז אַן ערנסטע זאַך. מ'פילט טאַלאַנט.

ווען די זאַכן זענען דערשינען אין ביי־געגרינדעטן זשורנאַל זענען די צוויי מחברים אַוועק אויף אַ לעקטשור וואָס אַ יונגער תושב אין דער יידישער ליטעראַטור האָלט אין איין האַלטן איבערחזרנדיק אַז „די יידי־שע ליטעראַטור וואַקסט פון טאָג צו טאָג, און קאָן זיך ביי היינטיקן טאָג פאַרמעסטן מיט די גרעסטע ליטעראַטורן". זיי האָבן אָנגעקוואָלן פון די ווערטער און גענומען דאָס „וואַקסן" דירעקט אויף זיך. זיי זענען אַזוי צעוואַרעמט געוואָרן פון דעם רעדנערס אָפּטימיסטישקייט אַז ארויסגייענ־דיק פון האָל האָבן זיי זיך געווענדט איינער צום אַנדערן און געזאָגט:

— ווייסט, איך גלויב אַז אויסער אונדז איז נאָך איין גרויסער טאַ־לאַנט פאַראַן ביי יידן.

איך וואָלט מיט פאַרגעניגן אויסגעזאָגט דעם נאָמען וואָס איך האָב אונטערגעהערט, נאָר „יענער" נעמענדיק אַלץ אַזוי ערנסט, קאָן לייכט ביי זיך אָפּמאַכן, נאָך דעם קאָמפּלימענט, אַז ער און די צוויי דערציילער, צי סקיציסטן, שטימונגיסטן אָדער אָנוואָרפיסטן האָבן די איינציקע מאָ־נאָפּאָליע אויף דעם גאַנצן פון דער יידישער ליטעראַטור. און איך וויל איר זאָלט וויסן אַז איך אויך האַלט זיך פאַר אַ טאַלאַנט, כאָטש בנאמנות איך ווייס נישט צי דאָס וואָס איר לייענט איצט איז דערציילונג, צי סקי־צע, צי אָנוואָרף פון וואָר.

מאַלפּן־טאַנץ

גע־לויבט זיי גאָט פון טאָג צו טאָג יעדן טאָג. געלויבט זיי גאָט טאָג־טעגלעך פאַר זיין גערדאַכטן אינסיניצירטן זיין. גערימט זיין אורזאַכלאָז ווען פאַר באַוועגן די ערד אַרויסצוגעבן פון זיך שפּראָצונגען, העלדזער געזאַנג, האָלצהעקער האַלץ האַקן, מאַן און פרוי זיך פּאָרן. געלויבט זיי גאָט פון טאָג צו טאָג, פון וואָך צו חודש, פון יאָר צו ציקלען, פון אַנעמישן מיר צו מיין פולבלוטיקן זיידן, פון לעצטן צוריק ביז צו זיין נעאַנדערטאַלן שטאַם, פון שטאַם צו מיר, פון מיר צו מיין מעגלעכער פּראָגעניע. „גע־לויבט זיי גאָט און אַזוי ווייטער“, „געלויבט זיי גאָט און אַזוי ווייטער“ מיט דער נישט פאַרבאָטענער רעכט פון אויטאָר צו אַלע מעגלעכע וואַ־ריאַציעס — געלויבט זיי גאָט.

פון צו זיין פּערפעקט — וואָלט איך עס אַליין נישט צוגעגעבן וואָלט לייכט געווען זיך אָנצושטויסן — בין איך זייער, זייער ווייט. אין זייער צעקרומטקייט פּרעזענטירן מיט זיך מיינע פיס־פינגער אַ קלאָגעדיק אויס־זען פאַר די אויגן, אַ וואָרעמדיקער נאָגלשפּיץ איינגעזאַפּט אין פלייש; גע־לע היטעלעך אויף זייערע קעפּלעך, סיי זיי ליגן אין טעמפּל פון שוך, סיי זיי זענען אָפּגעדעקט אונטער דעם פאַרשוויצטן סופיט פון באָדצימער. מיינע פיס — אויסגעלונקען אין די שלעסער ווי די אומיסטן־געקלעפּטע פיסלעך פון „יונגעלע אויפן טעפּעלע“. מיין בויך שפּאַרט אַרויס פון די באַשיידענע ראַמען, פאַרלאָפן מיט פעטס וואָס פאַרוואַלגערט זיך אין קאַסטן ביים יאַטקע־קלאָץ. מיין ברוסטברעטל — אַ פּנעוומאַטישע ווענטקע צו כאַפּן דעם וויכערדיקן אייז־לץ פון ווינט וואָס האַלט אין איין דראָען צו

מאַכן פון מיר מעדני־יו״ט פאַר מעגינעדיקע קריכערס פיר איילן אונטער רויער ערד. מיינע הענט — צוויי נאָכגעביקע אָפּגעצערטע פליגל פון אַ ווינטמיל געטריבן אויף קיין תכליתדיקן מילנערס באַראַט. מיינע אויערן, נאָזלעכער, אויגן, מיין מויל — צו פאַרנעמען די משונהדיקע קאָקאָפאָניעס פון כאַאָס, הויערן אין געדיכטע פאַרשימלטע ריחות, בלינקען אַ שפּאַן ווייטער פון דער נאָז. כאָטש ער האָט פאַרפעלט צו פורעמען מיך אין זיין געשטאַלט — נאָך ווי אַזוי פאַרפעלט — געלויבט זיי גאָט.

געלויבט זיי גאָט פון טאָג וואָס הייבט זיך אָן מיט שטאָק־פינצטערער נאַכט מיט חושכדיקער פאַרב אין פּאַנדאַראַס סעקרעטן הערמעטיש־פאַרשלאָסן קעסטל צו טאָג וואָס ענדיקט זיך מיט שטאָק־פינצטערער נאַכט, ווען אַלע כוחות גייען מיר אויס, אַנגעלאָדן מיט מיינע גרויסע אָפענע געוואַלדיקע נעבעכדיקע בלאָטע אויפטועכצן פון וועלכע איך גיב אָפּ — נישט ווי איינער וואָס גייט פּאַרוואַרלאָזט צו באַנקראָטישן אונטערגאַנג — רעכענונג אין הימל אויפן געטלעכן דעביט־שער אין אויפזעערס בוך וואָס ליגט ביים פּוס־בענקעלע פון אונדזער האַר. און פירט מיין האַנט אין אַ טינטלאָזער מיקסטור איבערן בלאַטלאָזן בוך, ציקל איך אות און אות, קיילעכדיק איך וואָרט פאַר וואָרט, דייט איך אָן שורה נאָך שורה. עס נעמט צומאָל מער ווי אַ פערטינענטע הפסקה: כ׳הייב זיך אָן דערמאָנען: אַ נישטיק געשעעניש: וואָס געזען, געהערט; וואָס געטון, געפילט — אַנטרונען פון דיקטירנדיקן באַוווסטזיין. דער גיגאַנטישער אויפזעער, מיט ריינע וואַסערפליגל וואָס וואַקסן אַרויס פון זיינע שולטערן, אַ פייערדיקע פען פאַרשטעקט אונטערן עטערישן אויער, און אָן אומבאַפלעקט ווייס פלאַטערדיק געוועב וואָס פאַלט אין הימלישע פאַלדן, מיט אַ לאַנגן אויבן־פאַרבויגענעם שטאָק ווי ביי משהן אין אַלטע הגדות, לייגט דרייסט פאַר:

— און וואָס איז געשען נאָכדעם ווי דו האָסט זי באַמערקט אין דער פאַרק־אַלייע?

ליבערשט וועל איך קאָנסערווירן די ראָלע פון מיינע לויזע געשעענישן אײדער יענע פון דאָקטאָר פאָוסטס מדריך ביז זיין פאַלן, אָדער מיסטער אַאָס אַנטי פילאָזאָפישע קאָנדענסירטע מעמאָראַנדאַ.

איך: — כ׳האָב דאָך שוין פאַרשריבן וואָס עס איז געשען: „געדונגען אַ שיפל ביים וואַסער־ביידל, באַצאָלט פופציק סענט פאַר אַ שעה פאַרויס און פופציק סענט איבערגעלאָזט פאַר אַ משכון. דער וועכטער האָט צוגע־

נומען פון מיר דעם דאָלער, באַטראַכט אים אין ליכט פון דער זון און מיט אַ שפּאָטישן שמייכל געזאָגט: — זי פאַרדינט זאָלסט באַצאָלן מיט נישט קיין פאַלשן דאָלער פאַר אייער וואַסער־שפּאַציר. נישט אַלע פייגע־לעך לאָזן זיך פאַנגען דורך כימערישע נעצן. — ערשט איצט האָב איך זיך גוט איינגעקוקט אין דעם פּיזיטל. עס איז געווען גאַנץ געלונגען נאָכגעמאַכט: די אָפּיציעלע חתימה, דער אָדלער מיט אויפגעהויבענע פליגל — אַט־אַט פליט ער אַוועק! דאָס בילד פון פּרעזידענט, דעם פאַרשריגענעם מזג טוב, דעם „באַפרייער". נאָר די זייד־פעדעמדיקע אָדערן האָבן אויס־געזען ווי געמאָלענע און נישט ווי קיין אַריינגעוועבטע..."

דער אויפזעער: — נישט דאָס. נישט דאָס. ס'איז דאָך אַ ווייטער מהלך פון באַמערקן אַ באַוועגנדיקע פיגור ביז צום באַקענען זיך גאַנץ נאָענט מיט איר, מיט די שטריכן פּנים אל פּנים. —

איך: — האַ, אַט וואָס? כ'האָב צוערשט איר נאָכגעפאָלגט. זי איז אַריין פון דער „שטרויענע אַלמנהס" סטעזשקע אין „דער פאַרוויל פון דורשטיקע נשמות" אַלייע, זי האָט זיך באַלד אַוועקגעזעצט אויף אַ באַנק אַפּרוען. כ'האָב מיט מיינע אויגן געגנישטערט צווישן די איבעריקע ליי־דיקע בענק צו געפינען אַ פּלאַץ וואָס זאָל מיר דינען פאַר אַ וואַנטאַזש־פּונקט זי צו באַאָבאַכטן. קוים זיץ איך מיט איר אין אַ לופט־ספערע מער־וויניקער פּיזיש באַגרענעצט דורך אונדזערע צוויי וועזנס, מוז זי איינאָ־טעמען די לופט וואָס איך העלף געגנערירן און איך מוז פאַרנעמען דורך מיין מויל דעם כעמישן אויסקאָך, וואָס זי פאַראורזאַכט צווישן די עלע־מענטן. כ'האָב זיך נאָך נישט באַקוועם איינגעאָרדנט אין מיין געזעס, אויפגעהויבן די אויגן און דערזען לעבן איר אַ מאַן ווי ער וואָלט געקומען פון „לעבערמיטציבעלעס" שטאָט אויס די רוטאַבאַגאַ מעשות. זיי האָבן זיך באַרירט מיט די הענט איינער דעם צווייטן, האָבן זיך מיינע הענט אַריינגעשפּאַרט אין דער היציקער מיט — און ווי אַ קעלט וואָלט פאַר־טאָרמאָזירט זייערע באַוועגנדיקע אברים. זיי האָבן זיך צוגעטוליעט מיט די ליפּן, איבערצוייגן זיך, אַז די אַפּאַטיע איז נישט קיין מינוטלעכע, קיין צופעליקע — און מיינע ליפּן האָבן פאַרזיגלט מיט אַן האָפענונגסלאָזן שטעמפּל זיין מויל, און איר מויל האָט געגליט מיט אַ דערווידערדיקן נאָכטעם פון טערפּיקן האַרבן שפּייז. — אָדער מען טרינקט מאַלאַגאַ־וויין, אָדער מען קריכט נישט קושן זיך! — איז געווען דער אויסרייד,

וואָס זי האָט געגעבן. ער האָט פּלוצים דערפילט, אַז ער איז אָנוועזנדיק צו דער לויה פון זיין אייגענעם אמור. ווען איך האָב זיך געהאַט גוט איינגעאָרדנט אויף מיין באַנק איז ער שוין מער ביי איר זייט נישט געווען. זי האָט בליציק דערפילט די לעכערלעכקייט פון איר צושטאַנד, געוואָלט אים צוריקרופן, האָבן זיך אויפגעשטעלט מוראדיק הויכע ווענט אַרום איר, ווי דורך אַ מאַגישער עמאַנאַציע זענען צוגעשווומען אַ סופיט מיט אַ דיל און פאַרמאַכט זיך אַזוי שטייף אַרום איר, אַז עס איר נישט פאַרבליבן קיין לופט צום אָטעמען. אויף איר געשריי: „גוואַלד״, ראַטעוועט! איך ווער דערשטיקט!״ האָב איך זיך אַ וואָרף געטאָן: מיט דעם פויסט פון מיין פאַרלאַנג דורכגעבראָכן די טירלאָזע געביידע, מיט די אָרעמס פון מיין פאַרלאַנג זי אַרויסגעשלעפּט פון דאָרט אַ פאַרחלשטע, אַן אָטעמלאָזע... —

דער אויפזעער: — פאַרשרייב עס אויפן בלעטל אַנטקעגן. ס׳איז אַ גרויסע טאַט פאַר וועלכער דו וועסט אין צייט קריגן דיין באַלוין. פאַר דייך אַריינמישן זיך אָבער און צעשטער־אַרבעט וועסטו מוזן אָפּקומען, ווען דו וועסט זיך פּערמאַנענט אַריבערפּעקלען צו אונדז אַמאָל. מיר וועלן ווי געוויינטלעך אויסוועגן איינס קעגן צווייטן, זייער פאָרזיכטיק מעסטן ביידע טאַטן. עס וועלן גערופן ווערן די עדות. מיר וועלן מוזן אויסגעפינען צי דער פאַרגעניגן וועלכן דו האָסט איר פאַרשאַפט איז געווען גרעסער ווי דאָס גליק וואָס ער פלעגט איר מיטטיילן, און צי האָסטו נישט גערויבט פון אים אינגאַנצן דאָס, וואָס ער האָט פאַרמאָגט און דורך דעם אים געטריבן צו שוידערלעכע פאַרלוסטן... —

מיין האַנט האָט ווייטער געשריבן. לעבן אַן אות וואָס איז געווען נייטראַל האָט זיך אָוועקגעשטעלט אַ צווייטס וואָס האָט אַריינגעבלאָזן אין פריערדיקן מער לעבן, ווי דאָס שטופּנדיקע וואקסן פון קערן אין מוטערטראַכט. זאַצן האָבן געפינקלט מיט זעלטענע קאָלירן. האַס האָט זיך געריבן אין אַרבל מיט ליבע; שאַנד און שפּאָט געשפּאַצירט אָרעם אין אָרעם מיט גלאָררייכע געשעענישן; ליכטיקע לאַבירינטן האָבן פאַרשלונגען און אויפגעליזט שטאַרע פּאַסאַזשן, פינצטערע ווינקלען. דעם אויפזעערס צורה האָט רעאַגירט בליצשנעל. אָט האָט זיך דערהערט אַ קנאַל פון געלעכטער — פולברוסטיק, יובלדיק, הימליש. אָט האָט דעם מלאכס פּנים זיך פאַרצויגן מיט טונקלקייט פון פאָרכטיקע אַנגסטן, שטומען ווייטיק און דער־

שיטערדיקע איבערלעבונגען. די לענגסטע שטרעקעס צייט האָט ער נאָכ־געפּאָלגט מיין האַנט, וואָס האָט אויסגעפירט אות נאָך אות, וואָרט נאָך וואָרט, שורה נאָך שורה, זאַץ נאָך זאַץ. עס האָט פּאָרט געמיינט זייער ווייניק פאַר אים. עס האָט פאַרפעלט צו מאַכן אויף אים אַ געהעריקן איינדרוק:

„כ׳בין אויפגעשטאַנען אינדערפרי — זיך אַרומגעוואַשן — געפּאָר־קעט זיך אין זייטיקן צימערל מיט שוך־לעפל, גאָל־מעסער, ציין־פּודער, שמעקעדיקע וואַסערלעך מאַסאַזשן — געגעסן גרייפּפרוכט, לויזע אייער טאָוסט — נאָכאַמאָל געזאָלצט, געפּעפּערט, געווירצט, געצוקערט — גע־טרונקען אומגעלונגען־צוגעגרייטע קאָפּע — "

— זייגער־באַאָבאַכטונגען — אַרבעט אויף דער האַנט — צייטונגען דורכבליקן — היים־צוריקקערונגען — שפּילן מיטן קליינעם מאַרטין — טעלעפאָן־שמועסן — פריינטלעכע באַגעגענישן — שאַך־גאַמביטן — ווי־זיטן אין טעאַטער — עלעווייטעד־סאָבוויי־טראַמווײַ־רייזעס —

(גאָרנישט, גאָרנישט, גאָרנישט).

און ווען דער רעקאָרד פון די אומרעאַלע געשעענישן מיט זייערע אינערלעכע שאַטירונגען האָבן זיך אָפּגעשפּיגלט אין די באַוועגונגען פון ליליאַן גישס הענט און טשאַרלי טשאַפּלינס פיס — זייערע וועזנס ווי בינטן שטראַלן — האָבן ראַדאַדענדראָנס געבליט, און טראַנספערירט פון דער גלוטיקער אַטמאָספערע פון טראָפּישן הימל, זענען זיי פאַרבליבן אומ־פאַרוויאַנעט — ביז וואַנען? — פריש, נעפּל־צעשטרויכנדיק, פיקסירט.

אַ וויילע אין דמשק

איך בין גאַנץ נאָנט צום הויז.

טריט פון אונטער מיינע פיס רייסן זיך אָפּ מיט יעדן שפּאַן פון שידזוילן און ווערן טעמפּ פאַרטרונקען אין פייכטן נעפל פון נאַכט. אַ שמערן טוט אַ פינקל מיט אויגן־שווינדלדיקער שנעלקייט איבערן מאַפּ פון הימל און ווערט באַנגיק נישט־געבליבן. מאַי־בענקעניש פאַרלעצט פריווילעגירטע רעכט פון יונגע פאָרלעך, רעגנדיק זיך אין זייער רעדן און אין זייער שטילשוויגן. אין זייער צוזאַמענזיין. אָפּגעשיידט אין זייערע אינדיווידועלע חדרימלעך, אין פלעצער פון אינטימער פאַרווײלונג. איך בין גאַנץ נאָנט צו איר הויז.

דורך לאַנגע, שמאָלע גלעזער אין פענצטער זעט זיך פּראָפּאָרציאָנעלער שאָטן פון אַ זיך באַוועגנדיקער זאַך. טשעפּע צענויף לאָגיש מייל מיט טייל. פירעקיקער באַנט. זעקסעקיקער אַרבל. אַכטעקיק קלייד. סיליע צונויף קײלעכדיקע רינגען אין אויגן. הענג אויף אַ נאָז אינמיטן פון ציל־ברעט... ציינדלעך ווי אַ מיניאַטורע רייען פון מעסיק־געפּלאַנטן כ׳געדענק־נישט־דאָס־וואָרט. פאַרפאַרבט מיט העלן ליפּן־קאָליר... אַ זעכצנטל. אַ צווייאונדרייסיקטל. מענטש. נישט־פאָלקאָם בילד — ווער. ווייכע קעצישע טריט. בוזעם אָפּ און אויף. פרוי.

געבראַכט מיך אַזוי נאָנט צו איר הויז. איר געזיכט אָפּגעווענדט פון מיר אין וואַגאָן. ברייטער ראַם פון הוט פאַרשטעלט אַלעס נאָר נישט די עלנבויגנס. איילבירטן. זי מאַכט אַ טריט. עמיצער פאָלגט נאָך.ביידע

אויף אַלע פיר. די אַכט פיס קוקן אויס ווי צוועלף: און אַלע פּיראַונצוואַנ־
ציק רעדן צווישן זיך. נישט געשמועסט נאָר געקריגט זיך:

— ווער ביסטו, ווער?

— ווער, צום טייוול, דו?

— מיינסט זי איז ווי יענע אויף פּופּציקטער גאַס איסט? מיט שמוציק־
לעכע ווייסע זאָקן און פולן ריטם פון היפּטן?

— מיר (זאָגן אַ פּאָר באַשיידענע) זענען אירע אייגענע טריט. רעדט,
זייט אַזוי גוט, שטילער. זי איז נישט מיט אַלעמען. ליבע־קראַנק. ער איז
איצט אין סאַן סאַלוואַדאָר. אַ חזיר־ניס הענדלער.

די איבעריקע פאָלגן אויס. פריער פּאָר אַלעמען, פאַרבייגייער. פרעמ־
דע נעזער מאַכן איינס צווישן זיך. אַטאַקירן ברוטאַל די נאַכט־לופט און
זויגן אויס פון איר איר גאַנצע פרישקייט, לויטערקייט, ריינקייט. מיילער
פאַרגעבן אַ שיין שטיקל אַרבעט די ציין. טוגנט קוויטשעט פון רינשטאָק
אַרויס פון דער אומגעלונגענער אַטאַקע זייערער. מיין האַרץ בלוטיקט
פאַר איר. כ׳וואָלט וועלן עפּעס אויפטאָן. נאָר מיינע הונדערט און וויפל
הענט זענען פאַרנומען מיט עטוואָס אַנדערש. אין איינער — אַ שפּיז. אין
דער צווייטער — אַ בלאָז־האָרן, אַ טעשל קאָרטן, אַ ביכל מיט אַ מעשה
פון אַ פּרינצעסין, אַ פאַסטוך און אַן אויסלענדישן דוכוס. די איבעריקע
הענט טיילן אויס כבודים רעכטס און לינקס. נאָר באַשטראָפן ווילן זיי
קיינעם נישט.

דורך דעם לענגלעכן פענצטער זעט זיך גאַנץ אומקלאָר דער קאָפּ
פון אַ פרוי. זי באַטראַכט אַ צעקאַליעטשעטן הימל־שטח, אַ גרעסערן שטח
ערד. פון די ליפּן אַנטרינט אין פייכטן נעפּל פון נאַכט:

— זיי היטן דיר די טריט. מען וועט באַלד נישט טאָרן קאָפּ אויף
דער פריי אַרויסווייזן.

מיין געדאַנק לייגט עס איבער אויף זייניקן:

— איך שמעלץ צענויף דיך מיט נאַכט־נעפּל, מיט מאַמעליגע־קאָ־
לירטן הימל, מיט האַלב־אין־גרין אָנגעקליידטעביימער. דו ביזט דאָרט,
אינווייניק. איך — דאָ, אין דרויסן, ביים צאַם פון דיין הויז. דו — ביי
דעם צאַם פון מיין הויז. איך — אינווייניק. דו פילסט אַ לייכטן ציטער
איבער דיין לייב אין גאַס, ביזט פאַרגליווערט ביים הויז אין דערוואַר־
טעניש אויף מיין אַרויסקומען. (חזיר־ניסלעך זענען היי־יאָר גאַנץ פיין גע־

ראָטן אין סאַן סאַלוואַדאָר. עס גייט וויניק לאיבוד). איך האָב אָפּגעפּאַ־ראָשעט מיין — דיין — מיין אָנצוג, געוואָרפן אַ בליק אין שפּיגל, באַ־מערקט וואָס עס לוינט זיך נישט צו דערמאָנען, געפּייפט זיך אויפן געדאַנק, אַז עמעצער האָט מיר — דיר — מיר געהיט יעדן ברויז, יעדע באַוועגונג, יעדן ריר פון די גלידער.

איך פאַרבעט זיך צוריק אין דרויסן אַרויס. עס בלאָזט אַ ווינטל. נומער איינס. צייל זיי. דאָס ווינטל הייסט — לאַשצשען. צווייטע הייסט — גלעטן. דריטע הייסט — ליבלעך. איינס הייסט — שמייכלען. נאָך איינס הייסט —

עס קלינגען טעלער, לעפל, גאָפּלען, מעסערס. עס ווישט דער האַנטוך. זי זיצט אין גרויסן לענשטול. זופּט הייסע יויך, קייט וואַרעם פלייש, שפּילט זיך געמיטלעך מיט לאַנגהעלזיקן לעפּעלע אין פּראָסטיקן זשעליע, בייסט צו מיט האַרטן שטרודל. קוימען־רויך דערציילט עס מיר. מער נישט, ער פאַרענדיקט בלאָ־גראָלעך:

— ש־ש־ש. קלינג נישט אָן אין טיר. וואַרף נישט אַריין אין פאַר־לעגנהייט. זי רוט זיך אויס פון שווערן טאָגס אַרבעט, פון מידיקן זיצן אין פאַרשטיקטן צימער אויף פינפטן שטאָק אין שמוציקן געגנט. זי רוט אויס רונצלען פון זאַכן, וואָס גייען אַדורך אירע הענט שטונדנלאַנג נאָכאַ־נאַנד, וואָס זענען פאַרזאָטן מיט שווייס פון מענטשישער באַרירונג. זי רוט אויס בליקן, וואָס פרעסן זיך איין אין איר ביי יעדער באַגעגעניש מיט מענער. מיט אירע שיכלעך וואַרפט זי אַראָפּ פון די פיס זשעדנע בליקן פון אויגן, זשעסטן פון הענט, לייב־גרוילנדיקע איינפאַלן.

— ש־ש־ש (זאָג איך צום קוימען־רויך), איך וועל זי נישט באַאומ־רויקן. לאָז געמאַך. כ׳בין געקומען נאָנט צו איר הויז נישט צוליב... צוליב דעם צוריקקערן זיך בין איך געקומען, נאָר צוליב דעם צוריק־קער. מיט מיינע וויפל הענט וועל איך מיר מאַכן אַ ברייטן וועג, צוריק־קערנדיק זיך פון איר הויז. איך וועל צעשניידן די בייזע מאַי־לופט מיט מיין יעדן שפּאַן פאָרווערטס. די לופט וועט זיך אַנטקעגנשטעלן פריזער, סוף כל סוף וועט זי מאַכן פאַראַד, הערלדירן צו די וייטערע ספּערן:

— ער קערט זיך אום צוריק פון איר הויז. ער איז ווידער — ער. זי איז געבליבן הינטער ווי זי איז ערשט נישט לאַנג געווען פאַר אים. בוזעם באַוועגט זיך מער נישט אָפּ און אויף. ווייכע, קעציישע טריט זענען

פאַרשוויגן געוואָרן. ס׳זענען זיך צעשוווּמען צונויפגעסילעטע טיילן פון וועזן. טייל און טייל לאָגיש צעגאַנגען זיך אין אָנבליק פון שפּיגל. דער שאָטן איז אַוועקגעפאַלן אין אוממאַכט דורך לענגלעכע גלעזער פון פענצטער.

— איך ווייס איצט ווער דו ביזט.

— איך ווייס ווער דו ביזט אויך.

— דו ביזט דער, וואָס האָט אונדז דאָ נישט לאַנג מיטגעשלעפּט מיט זיך. געוועסט אונדז געפרעגט, באַלד דיר געוועסט געזאָגט, אַז ס׳איז אומזיסט. באַזונדערס לוינט זיך נישט אַפילו ווען ס׳געראָט.

— מיאוסער סקעפּטיקער, — מאַכט זיך איינער פון דער חברותא האָרץ, — אַזוינע, ווי דו באַדאַרפן קיינמאָל נישט ווערן אַרויסגערופן צום לעבן.

— מ׳פרעגט זיך ביי דיר נישט אָן. אָבער (צו די אַרומיקע) אַנטשול־דיקט... איך בין אַן ערנטריט.

— געפונען אַן ערנמאַן! געגוג.

איך בין גאַנץ נאָנט פון איר הויז —

(גאָט זאָל העלפן, דער חזיר־ניס־הענדלער זאָל זיך אַמשנעלסטן צו־ריקקערן פון סאַן סאַלוואַדאָר —).

איך בין נאָנט פון איר הויז —

(— און זאָל ברענגען מיט זיך דימענטן מיט בריליאַנטן און זי צו חופּה פירן —).

איך בין נאָנט פון איר —

(— טאַטע־מאַמע זאָלן זיך דערלעבן נחת אין זייער טאָכטער —).

איך בין נאָנט פון —

(— זי זאָל מיט איר מאַן מגדל זיין קינדער למעשים טובים —).

איך בין נאָנט —

(— זי זאָל זיך עלטערן מיט איר מאַן אין עושר און אין כבוד —).

איך בין —

(— און ס׳זאָל זיי קיין בייז נישט געשען —).

איך —

(אָמן).

די ווײַלע: דערלענגערט

נאָכדעם ווי איך האָב פאַרבראַכט אַ היפּש שטיקל צײַט אין דמשק — נישט אַזוי פאַרבראַכט ווי געווײַלט, אָדער, בעסער געזאָגט, געוואַלגערט זיך, און נישט אַזוי היפּש ווי מען קען דענקען (די ערשטע דערפאַרונגען האָב איך צו יענער צײַט געטיילט מיטן לעזער: ערשטע דערפאַרונגען און ערשטער, אפשר אויך לעצטער, לעזער) — האָב איך מיט אַמאָל דערפילט אַז די גלאָרדײַכע ליגיע פליסק — דמשק איז עטוואָס אַפילו ריזיקאַנטער ווי די בערלין — בגדדער, און פאַרפלאָנטערטער ווי דער אָנבאַגעגן־באַגריף פון די צוויי פאָרטלאַנדס, צו נעמען אונדז אַ געאָגראַפיש אינטימערע שליאַך קאַריערע. ראשית, בין איך נישט געווען שווה־בשווה מיט דעם קלימאַט. שנית, האָבן די עסיק בײַשטאַנדן אין יענע געריכטן נישט האַרמאָנירט מיט די גאַז־רעאַקציעס אין מײַן מאָגן. און צו פאַרקירצן דאָס צעטל אורזאַכן: דריטנס, דרײַצנטנס און לעצטנס —

מיך האָט דערגרייכט די ביטערע בשורה: יאָנטל מײַן יאָנטל ליגט מיט די פיס צו דער טיר.

ווען אַ מאַמע שטאַרבט זאָגט מען קדיש, און די טרייסט איז דעם מנין ייִדנס „אָמן". אַ פריינט לאָזט נאָך זיך ווייניקע דערינערונגען: אויף צו פאַסמאַקעווען זיך מיט נײַע מיטריידער. דעם ווערקס טאַטע לאָזט דיך נישט צורו, אַפילו זאָלסט האָבן באַצאָלט מער ווי דעם גנעקראָלאָגישן הוב, אַלס דערווײַלטער מעמואַריסט, און אויסגעשטעלט דער וועלט אַ פייג בעת די דלאָניע שיצט אין זיך אומפאָרמעל, און מיט ליבשאַפט, דײַן חבר, חבר יאָנטל.

אַלזאָ, כ׳האָב אָפּגעווישט די ליפּן, געפּרוווט פאַרמינערן די קאַלאַ־מוטנעקייט אויפן האַרצן מיט זוכן צעשטרוי אין נייע געגנטן, פון מיר נאָך נישט באַטראָטענע; פרישערע סטעזשקעס, אפשר פון אַנדערע יאָ אָבער פון מיר נאָך נישט קיין אויסגעטאָפּטשעטע. מיט אַ דמשק גרין טיכל ביי די ווילגאָטנע אויגן האָב איך זיך פאַרויסבאַוועגט און ביי דער מינדס־טער געלעגנהייט גענומען איינכליפּען אין זיך די בעפאַלענע, פאַרשימלטע, פוילע אומקאָנסעקווענטקייט פון די פאַרבייגעגאַנגענע פלעצער וועלכע כ׳וועל מיט אייער דערלויבעניש אָנרופן גאַסן און געסלעך.

איך גיי, און — טשיקאַווע: יאָנטל מיין, פון ליכטיקן גן עדן אַרויס, שפּאַנט מיר נאָך. אָבער דאָס איז דאָך בלויז אַ גענאַר. און דאָך: מיט וואָס פאַראַ כוחות קענען מיר פאַנאַנדערטיילן די פאַנטאַסטישע ווירקלעכ־קייט פון דער וואָרער אילוזיע, פון דעם וואָס מיר באַזיצן און דעם וואָס באַזיצט אונדז? אַהער בין איך געקומען מיט אייערע באַרימטע סאָבווייען (זע „אַ ווילע אין דמשק״) און פון דאַנען וועל איך שוין, ווייזט אויס, אָפּ־פליען אין אַ לופט־באַלאָן. אויפן וועג אַהערצו האָב איך געזען קויט, רינשטאָקן און אַנדערע טראַגישע רעזולטאַטן פון „מאַטעריע נישט אין ריכטיקן פּלאַץ״. איצט וועט מיר דער רוים אַליין זיין נישטסטייענדיק. און אַז איך צעקוש זיך בליציק מיטן הימל; און אַז דער הימל וועקט שוין נישט קיין פאַרגלייכן, אימאַזשן וואָס האָבן זייער אָפּשטאַם געקראָגן פון אונדז באַקאַנטע ערדישע אָביעקטן; מיינט איר נישט אַז ערשט איצט, דווקא איצט, ווערט וואָרמערט קלאָר אַז קיין דמשק פאַרפאַרן איז אַ נישט גאַנץ גרינגער ענין? אַז איך שטעק פונקט אַזוי ווייט פון דאָרטן ווי אַלע ייִדן אײַנוווינער?

בעתן פליען נאָגט מיך (און וואָס אַ שטייגער קענט איר מיינען?) אַ מיזערנע פאַרוואָרפן אַמאָליק קליינשטעטלדיק ייִנגל וואָס האָט געגעבן אַ לעב־אויף און אַ שטאַרב־אָפּ, און טאַקע אָט אַזוי גיך, שיינט מיר איצט, ווי עס נעמט די צוויי אַנטקעגנזעצונגען ברענגען אויף די געפּאַפּטע פּסול־דיקע ליפּן. איך ווייס נישט צי געדענקט איר יענע פרוי (מיידל) (ייִדענע) וועלכע האָט מיך פאַרשלעפּט קיין דמשק. מיר דאַכט עס איז געווען ריי־נער אומזין, און ווינציק־ווירדיקער ווי אומזין — אַבסורד. מיר צוויי מע־נער, יאָנטל מיין און איך, זענען מיר נישט קיין פּופּציק־פּופּציק האַלב־און־האַלב פּראָפּאָזיציע ווי דער אַמאָליקער שאַנטאַזש. צוזאַמען פויזן

מיר מיט סאָבווייען צו דערפאָלג, ווי קליינע מענטשעלעך, און פליען אויף לופטבאַלאָנען צום לעצטן קראַך, ווי אַלע אייביקע געטער. קוקט זיך צו צו אונדז: איר׳ט אפשר דערשנאַפּן דעם שטן וואָס מענטשן לויפן יאָך אין אַזאַרטן כאַפּלאַפּ ס׳גאַנץ געפּאַלמעסט לעבן און איר וועט זיך אַראָפּ־נעמען אַ מוסר־השכל פון גרויס, קליין און מיטלמעסיק.

ווי איך גיי אַזוי, מיין שאָטנדיקער באַגלייטער מיר באַפליגלענדיק די פּלייצעס, שטויס איך זיך אָן אויף אַ קינד פון אַ יאָר פיר, אַ רויטצעפּיק מיידעלע מיט אַ געליימט פיסל. מיין מלאך הגואל שפּרינגט גלייך אַריבער פון מיר אויף אירע סוטולעוואַטע דינביינערדיקע פּלייצעלעך. זי שטעלט זיך אָפּ פון פלוצעם דערפילטן באַרייכערטן ענערגיע שטראָם. אַ קויש אויפן האָרביקל וואָלט זי אַראָפּגעוואָזשעט; מיין שוועבנדיקער יאָנטלגייסט לאָזט זי אויך נישט צורו, כאָטש ער שפּרייט גרינגקייט אונטער אירע סקאָסנע שריט. זי נעמט זיך אָן מיט אומנויטיקן קוראַזש און גיט מיר אַ זאָג:

א — מ — ת — — ט — מ — א

איר לשון איז מיר שוין גאָרנישט פרעמד. איך פאַרשטיי יעדן קנייטש אין אירע ווערטער, וואָס איז אפשר גאָר אינגאַנצן איין וואָרט. אָבער עס געדויערט אייביקייטן ביז זי קומט צו אַ פּאַוזע. און מיר קומט אויס אַז זי איז עפּעס מער ווי אַ פאָטער־מוטערס פּעלערהאָפטע שאַנד־־געגנאָגלטע לײדנשאַפט, מער ווי פאַרנאַכלעסיקטער געבורט קאָנטראָל. איך אָן אַז זי איז אַ ווילע אין דמשק, דער רעזולטאַט פון וועמעס אַ שיפל טאָן זיך קיין דמשק. און איך פיל ווי דאָס אויסגעשריענע באַשעפעניש וואָס איז געוואָרן אַן אייזל ווייל עס האָט נישט געקענט זען און הערן און פילן געווג אַלס מענטש, אַלס רוימישער בירגער, און די צעטראָטענע פּעטאַלן פון אַ בלום האָבן אים געדינט פאַר אַ בריק צום איבעראַנדערשן דעם פליישיקן מענטש אין אַ גאָלדן אייזל.

אויב אַזעלכע זאַכן פאַסירן אין סאַמע דמשק, טאָ וואָס פאַרוואָס האָפט קאָנען מיר האָבן אַנדערשוווּ?

און אַז אַ מענטשנס האַרץ ווערט איבערפולט מיט אַ גוואַלדיקן צו־בונד, טאָ וואָס?

און אַז אַ מענטשנס לעבן קניפּט זיך גרויזאַם אָן מיט אַ קערנדיקער ליבשאַפט צו אַ ווערעמל אַפילו,

און אַז אַ מענטש ווערט צעפּרעסן פון אַ גליקזעליקייט —

אָבער דווקא די סענטימענטן פּלעכטן מיך אַרום מיטן וויינריב פון אַ נישט־געאָנטער שטאַרקייט, אַזוי אַז איך בין האַפטיק אויסצוהאַלטן די ביטערע שניידנדיקע שטייפקייט פון אַלע אומגעהובליעוועטקייטן פון ווו אַ יש.

סומירן? נאָך נישט די צייט. דאָס וואָס איך האָב אַמאָל אָנגעווינטשעוועט דעם זי־שאָטן (דורכן פענצטער) איז איר, לויט די מיך דערגרייכטע גרוסן, אָנגעגאַן. אַוודאַי האָב איך געמיינט אויב איך פּועל, וועט די גאַנצע קאָנסטעלאַציע אויפציטערן, דער העכסטער אינער־היכל שטורמען... זעט איר דאָך. אָבער, נישט אַראָפּפאַלן ביי זיך. קוים גלויב איך מער נישט אין דער גליקזאַמקייט פון דמשק, וועל איך זיך, באַדענקטערהייט, צוריקקערן קיין פליסק. פון דאָרטן, זעט איר, איז נישט מיט לופטבאַלאָנען צו פליען, נישט מיט סאָבווייען צו פאָרן. און ביז איר נעמט פון מיר נישט אָפּ קיין אַרגע גרוסן, גלויבט אַז די דורכשניטלעכע פרייד איז די דאָרטיקע, און אייערע טויבן וועלן מיט זייער וואָרקען נאָך דאָרט אַ זעל דערקוויקן, ווי אין אַ צוגעזאָגט לאַנד וואָס איז עלטער ווי סם.

יעדע ווײַלע האָט איר סוף

איבערן מאַרק גייען אום סוחרים מיט קוראַנטע און נישט־גאַנגבאַרע
סחורות. יעדע בראַנזש ליגט צעלייגט מיט ערדענע טעלערלעך אין וועלכע
ס'קלינגען אָפּ קליינגעלטיקע מטבעות. דער וואַנדל איז פּונקט אַזוי מינ־
דערוויכטיק אַלס ציל ווי דער האַנדל אַלס מיטל. אַ קרעמער צעקריגט
זיך מיטן ווייב איבער אַ מאָס נעגעלעך, זאַפּרען און ניס וואָס אַ קונד
האַלט אין איינהאַנדלען, זיך דינגענדיק און דינגענדיק. אָבער, מיר מוזן
פּאָרט ליקווידירן דעם אונטערנעם. וואַרע איז פּאַראַן. איינקויפער, איבער־
גענוג, דער ריוח, גאַנץ נישקשהדיק. מיר דערקלערן דאָך אַ ליקווידאַציע.

מיר שטעלן אַ טראָט צום טאַקט פון אַ קול וואָס הערצאָלדירט אַלערליי
פּרנסות. (הערנדיק בעטהאָווענס פיפטע האָמיר זיך געפילט נישט דורכויס
אויפגעלייגט ווייל ס'האָט אונדז אויסגעפּעלט אַ שוועבעלע צום פאַררוי־
כערן דעם פאַרקאָנצערטישן ציגאַרעט. געדאַרפט זיך באַנוגן, זאָגט איר,
מיט שפּרייטן ווײַרויך פאַר דער דאַמע מיטן הערמאַלין פוטער און ווייסן
פּודער אין אירע פּעכשוואַרצע האָר. נישט גוט). נישט גוט. מיר ליקווי־
דירן דעם גאַנצן עסק.

אַזוי גרינג און פּשוט, האָט זיך מיר געבאָמלבט, קערט מען זיך
צוריק. בפרט אַז פּליסק האָט קיין פאַרמאַכטן שלאַמבאָן נישט. דער תבואה־
מאַגאַזין זאָגט אָן דעם דאָרפס דערוואַרטן מיך. דאָס זעמדיקע טייכל ביים
וויהאָן מורמלט, מורמלט; צום ברומען שטורמיש איז עס נישט דערוואַקסן;
וועט קיינמאָל נישט. אָבער דער וועג פון דמשק צוריק איז צו לאַנג מען
זאָל אים קענען דורכמאַכן מיט אָפּהענטיקן שלאָף. טויזנט טעפּעלעך צי־
קאָריע האַלטן נישט וואַך דיינע אויגן. דער וועג אַליין, מיט זיינע ווײַל־

דערנישן, ווידער און איבער אַ קראַך אויפֿן עטאַפּ, די בריליאַנטענע און מאַטאָווע זונפֿאַרגענג ווי די טרוימערישע און ניכטערע זונאויפֿשטייגס — אַלע שפּרייען זיך דורך אָט ראָזעווע, אָט גרעלע זיפֿן פֿון אויפֿגעלייגט־אויפֿן־האַרצן, וויסט־אויף־דער־נשמה. צו וואָס דאָס לאַנגע ברייען? מיר ליקווידירן.

וויל עמעצער קויפֿן די פּריווילעגיע פֿון היפּשן פּאַרנעם? אַך זיס ליב נשמהקעלע, וואָס דריקט דיך, מענטשגוף, צו דער וואַנט פֿון אַלטע אמתן אַזוי, אַז דו טעלעפּעסט אַרויס די צונג פֿון אומגעהייערן באַוווּנדער. ווי שיין, ווי פּראַכטפֿול די וועלט, מיט אַלע אירע גוטנבייזן. אַ טאַט פֿון עפּעס אַ דענאָמינאַציע, אַ וועלט־רעטער, אַ לאַנדרעטער, אַן אידעערעטער — ווי רעטאַכווילד שפּראָצן זיי צייטיק און קאַנטיק (געגנדיק). דער פּרייז איז בע־מע. מיר ווילן פֿאַרן גאַנצן טאַראַראַם ח״י באַג׳יסטער־שטיקלעך פֿון אַ צוגאָב אַז מיר ראַטעווען אייך אייער אומשטערבלעכע סיטואַציע. אייך ווילט זיך אַוודאַי גליק פֿון זעט. דאָס, ליבע, האָמיר נישט. מיר גיבן אייך אַוועק אַ מאַיאָנטעק פֿון הונגער־נאָך־פֿרייד האַלב אומזיסט. הונגער נאָך געלונגענעם פּילן און שלייפֿן. פֿרייד פֿון געשלייפֿטן און געפּיילטן מאַטעריאַל. האָט ווער פֿון אייך דעם מינים. קלינגערס? שעמט זיך נישט פּאָרויסצוטרעטן פֿון די עטלעכע הונדערט מיליאָן און שטעקט טיפֿער די האַנט אין קעשענע. דערלויבט איז אַפֿילו איר זאָלט שפּעטער באַהויפּטן אַז דאָס האָט איר אונדז געראַטעוועט פֿון אונטערגאַנג. מיר וועלן זיך נישט שעמען דאָס פֿון אייך געקראָגענע רופֿן קצבה! הונגער און באַגער, צעעפֿנט ראַפּטאָם אַלע טאַבואירטע שליוזן! אַז מיר שמועסן מיר ליקווי־דירן, ליקווידירן מיר.

— דו וועמען ס׳איז פּריקרע טיטולירן צופֿרידענער אַזוי לאַנג ווי דיינע אויגן, אונדז דערמאָנענדיקע אין צעשראָקענע האָזן, זענען סליאַדן פֿון געוויין. ביזט נאָך נישט קיין פֿאַרפֿאַלענער, וואָרום דיינע פּיס ווערן פֿון אונדזערע געניטע באַמערק־אַקסעסואַרן אָפּגעשאַצט פֿאַר יונג און זשוואַוו. די אויסגעמאָרדעוועטע הענט זשעסטיקולירן נערוועז, פֿאַרלעגן, אָבער דראָטיק. ווער זאָלסט נישט זיין, אַ דיכטער טרוימגערייצט ביי זיין שטיוולמאַכעריי, אַ בעקער אויסקיצירנדיק סילועטלעך פֿון פֿרעמדע סעג־מענטן לעבן, אָן אַ האַנט, פּוסלאָז, באַמיאָרים, באַנעממאַנגלדיק: ביזט אַ קאַנדידאַט אויף דעם קאָנטראַקט פֿון אונדזער פֿאַרמעג. דער קערן איז

שטענדיקע באַגייסטערונג, פּאַר ווי אַ שאַטיר, ווו אַ געשעעניש, קעגן וואָסיקע שאַטירן און ווייניקע געשעענישן. ווער, ווער — ווער קויפט? מיר ליקווידירן.

— דו געפּארבט ווזן מיט עפּעס ראַיעלס אַרויסטאַרטשנדיק פון אונטער דער צוגעשמינקטער קינצלעריי. טרעט אַרויס און האַנדל דיר איין ביליק, שפּאָט ביליק, אויף ליקווידאַציע פּרייזן, אַ ביסל נשמה־שמינק, אַ שמץ זעלפּאַרב. דעם קערפּער האָסטו, זעען מיר, באַזאָרגט מיט אַלעס גוטן; ראַטעווע איצט דיין גייסט און איינצייטיק אונדזער צושטאַנד. מיר דאַרפן דיך, דו אונדז. אומפּאַראינטערעסירט איינס איז ס׳אַנדערע זעגען מיר ווי הפקרע באַדיאַקעס. אין אומדערוואַרטן צונויפקוב פילן מיר בלויז די אייגענע דערנער. דער דראַנג צו באַהעפטן זיך וועט אונדז באַפּרויבּ־פערן מיט אַ שפּראָציק געמאַך. מיר וועלן שמעקן, און שטייגן וועט דער וווּנדער פון וואַנען אַזויפיל צאַרטע ריחות. און רייסן, און צופּן, און פליקן וועט מען אונדז, געקרוינט ווערנדיק מיט בלומען־נעמען ווי מיר וועלן דאַן זיין.

— דו פאַרשטאַרט ווזן דאָרט וועמען ס׳איז שווער אַנצונעמען פאַר אַ מאַנספּאַרשוין, און מיטן פּרויענטום דיך צו סינאָנימירן פאַלט אונדז נאָך ווינציקער איין. שעם זיך נישט פאַר דער נאַטירלעכער איינצייטיק געטלעכער אַנדראָגינע אין אונדזער ערב־אַלערמעגלעכקייטן עקס־פאָסט־פאַקטאָ. ביזט אַהין, ביזט אַהער. ווער וואָגט דיך פסלען אַלס קאַנדידאַט ביי אונדזער גענעראַל־אויספאַרקויף? אַרויס פון דער מחנהס שערענגעס, אַזוי אומשולדיק שמייכלענדיק, ווייל זיי וויסן נישט וואָס דאָ טוט זיך, וואָס ווערט דאָ פאַרקויפט, וואָס געקויפט, און דערהויפּט: צוליב וואָס אַזאַ געאייל. שוואַרץ ווערט אונדז אין די אויגן, בליי דער קאָפּ, טויטלעכער זאָט צעשפּריצט זיך פון אונדזער איינער אַרויס. אין אַ מינוט אַרום גייט אונטער די וועלט. איינסולירט זיך קעגן אומגליק, באַלד, שוין. קלינגט אין אַלע קרעפּלעך־פּאַנען אַ קופּערדיק געקלינג און זינגט מיט אייערע כריפּענדיקע העלדזער לויב צו גאָט, לויב צום טייוול. „באַשלאָפט, מאַנס־בילן ווייבער, פּרויען מענער, אַטעסטירט דעם אויפוואַך מיט אויפרעג, און אַ קורצע ווילע וועט אייביק לעבן, אייביק איבערגיין פון נודיען צו נו־דיען. אין יעדן דור איין רגע אויפרעג. אַלע עטלעכע צענדליק יאָר ליידן

איין סעקונדע סמיקע פרייד. אַ טראָפּן פון דעם פּאַרוויר איז שוין גלייכער ווי פּעסער מיט יאָרן פון לייטיש ווווילזיין". איר קריגט דאָס בלויז ביי אונדז. אויף אונדזערע פעלדער וואַקסן די גראָזן, אויף אונדזערעביימער פּיקן זיך אויס די קנאָספּן, און מיר — ווי געזאָגט — טוען איצט לייט־זעליק ליקווידירן.

(ווילט איר, מיינען מיר דאָ גאַרנישט די טאַט, נאָר דעם מיין וואָס זאָל אייערע טואונגען באַגלייטן. האָט דאָך דער אר"י ווינציק וואָס מחדש גע־ווען מיט זיין „קבלה מעשית" אין פאַסטן און וויינען און תשובה טאָן, סיידן די טאַט־באַגלייטנדיקע כוונות אין באַצוג).

ווען איך בין אַהיימגעקומען האָט אויף מיר געוואַרט דער זידיקער ציקאַריע־טאָפּ. אַן עקשן בין איך פון עאָצן־יאָרן, צעשנערעווען זיך מיינע קאַמאַשן איטלעך מאָל ווען די גאַל וויל פּלאַצן. טאָ ווי האָב איך געקענט פאַרנעמען דעם טעמפּן טעמפּאָ פון דמשק ווען דער פרייד־פּאַרומער אין מיר האָט קוים געזשיפּעט און געווישטערט נאָך מיין גליקלעך זיין? מיין קלוגער זיידע, אַ בן־שמונים, האָט מיך באַטראַכט מיט אַ שמייכל גאַלע סבלנות, „גיי טענה מיט יונגוואַרג", ווי איינער רעדט גאַרנישט, טראַכט אפילו נישט, און דאָך טרעט עס אַרויס מאַזשאַרנע פון ווי פּאַסיוו אָן אַרטיקולאַציע. און איך בין שוין יענעם מאָמענט געווען עלטער פון אים, האָבנדיק אַנטדעקט שטותרייען וואָס ער איז קיינמאָל יונג גענוג נישט געווען צו אַנטדעקן, כאָטש איך בין נאָך נישט דערגאַנגען צום אַנטדעקן יענע געוויכטיקייטן וואָס פאַר אים זענען זיי שוין געווען באַבקע. ער האָט נאָך געהאַט געזויגן מיין עלטערבאָבעס, זיין מוטערס, ברוסט; און איך האָב שוין באַגוועלטיקט דעם דריטדייטיקן ערנסט פון דלאַניעווען עסטעטיש ציצן. ווייל — ניטשע. ווייל דע לאָטרעאַמאָן (דוקאַס). ווייל אַלע מיזערנע גוואַלדן האָבן איבערגעטליעט אין מיין יום טובדיקער ספּיזשאַרניע פון געניסן.

אויב כ'האָב איצט געצאַרט, איז עס מער געווען דערפאַר וואָס דאָס גאַרן, כדי צו שפּילן עפעקטיוו אויב נישט פּולקאָם אוננס ראַליע, האָט זיך גענויטיקט אין איר אַנוועזן מעשה אינספּיראַציע. אָבער: איך קיין אַטאָם, זי צו גאַלגאַטע — האָט דער געשעפּט־פירער אונדזערער געקראַגז

דעם באַאויפטראָג נישט אָנצוגיין מיט שווינדל־געוועלב פאַר אונדזער רעה וועגן — פון אונדזער טובה וועגן פאַרשטייט איר דאָך קען קיין רייד נישט זיין — און: ליקווידירן.

דערימער ווערט דמשק אויפגעגעבן, כאָטש מיר שפּאָרן זיך די שאַנד, ווען נישט דעם ווייטיק, צו קריצן אויף דעם אָנדענקשטיין „פיאַסקאָ". נאָר קיין פליסק צוריק פירט אונדז אויך נישט דער וועג. די נייסן באַנאַב־ריכטן אַז דער גאַנצער טראַקט איז אויפגעריסן מיט דינאַמיט. חיות רעות וואַלאַנדעווען אַרום איבערן גאַנצן געגנט און יעדער טאָג איז אַ מוטער, אויף מרים מגדלעס שניט, פון נייע סקאַליעטשעטע קרבנות. (דער לופט־באַלאָן מאַרשרוט איז דאָך פון אָנהייב אָן געוועזן נישט מער ווי אָנשטעל). אַנטוישט בין איך געוואָרן נאָר פון בראַווקייט אַן אַדעפּט — דאָס נישט. דעם שלאַנג־ און עקדיש־שליאַך, וועל איך נישט קרייצן. ווערן צוגענאָגלט אויפן צלם פון געפאַר? רינט אין מיינע אָדערן נישט דאָס ציגענע בלוט פון יעזו און נישט דאָס וועלפישע בלוט פון ראַבירער און מערדער. צוריקציִענדיק זיך פון דמשק (דאָס וועט אייך גאָרנישט איינ־פאַלן) איז נישט מער ווי די לינקע זייט פון גליקזוך־מעדאַל, געוויס מיט אַ נייעם צוגאַנג, צו אופן און סדר.

און זי, די אַרומגעזוכטע, וועט שטענדיק בלייבן אויף יענער זייט — טיר, סיי פענצטער, אָדער באַנעם. איך האָב זיך געפּיצלט מיט דער, צוליב וועמען דער אוניווערס דרייט זיך אויפן קאָרעק ווי געטאָקט. איר פראַגילקייט איז פאַרצעלייען, און שטיינפעסט פון אַן אייביקער אינכטי־טוציע איר באָדן. איר לעבן ריזלט טיף, כאָטש פאַרמלאָז גייסטיק איר תמצית. האָטשיקהאַפּט, האָב איך זי פסיכיש נישט פאַרטשעפּעט. שווימט זי אַרום, אַ לער און פוסטקייט אַטאָם, פאַראורזאַכט זינלאָזע גלאָריעס וועל־כע זענען ערגעץ רעליגיעז־אָרגיאַסטיש פאַרצייכנט, או? אַ מענגע דינט צו איר און זינגט אין טעג פון אַרויפגעניטער אומשולד איר לויב. זי איז אפשר אויך די אומגליקלעכע יאַגד־טעריטאָריע פון אַזוינע וואָס האָבן פאַרלוירן איטלעך גלייכגעוויכט אין באַצוג צו וואָס פאַראַ וויכטיקייט. מיין ווילע (די עטאַפּן וואָס, כאָטש זיגזאַגיש, שטעלן דאָך מיט זיך כאָר, להכעיס אַלע געאָמעטרישע לערעס, די קורצסטע ליניע צווישן פליסק און דמשק, דמשק און פליסק) איז אַנטלייזט סומאַריש פון דעם איך וואָס איכט מיט זעלטענע אויסנאַמס פון דעם איך וואָס זי זיט.

ח י ע נ ע

די באָד איז ביים טייך געשטאַנען הינטער דער שטאָט און אין אַלקער וואָס איז צו דער באָד צוגעבויט געווען, האָבן געוווינט: נחום דער שטאָט־בעדער, זיין פרוי שרה, זייער טויב־שטומע טאָכטער חיענע און דער באָד־הייצער פיאָדאָר.

כאָטש בלויז 18 יאָר אַלט, האָט חיענע אויסגעזען ווי פון פערציק. אַ גאַנצן טאָג איז זי געזעסן אָדער אין אַ ווינקל אין האַלב־פינצטערן אַל־קער, אָדער אויף דער פריזבע אין דרויסן און געקוקט צו די פויערישע שטיבלעך קעגנאיבער, וואָס האָבן זיך צוּוואָרפן אויף יענער זייט טייך. דער אויסדרוק אויף איר געזיכט פלעגט זיך נאָר דאַן ענדערן, ווען דער פאָסטוך האָט די טשערעדע צום טייך אָנטרינקען געטריבן. זי פלעגט זיך אָנהויבן רירן ווי אַ האַלב־געלעמטע און אַרויסגעבן פריילעכע טענער מיט איר שטומער צונג: גנא־גנא־גנא...

נאָך אַ צייט איז געווען ווען חיענע פלעגט אויפלעבן — דאַן, ווען אין שטעטל איז אַ חתונה פאָרגעקומען, ווען די כלי־זמר פלעגן שפּעט אין דער נאַכט די כלה צו דער חופה פירן דורך דעם שטאָטישן מאַרק און די מוזיק פלעגט זיך איבער די ווייטע, ווייסע פון לבנה־שיין, נאַכט־פעלדער צוטראָגן. דאַן פלעגט חיענע פון איר גלייכגילטיקייט אַרויסקומען. שטיל פון איר ווינקל אויפהויבנדיק זיך, פלעגט זי אויף די שפּיץ־פינגער איבער דעם אַלקער אַרומשפּריינן, גלייך ווי זי וואָלט מורא האָבן עטוואָס איבער־רייסן אָדער עמיצן אויפצוּוועקן.

אַנדערש אָבער, איז זי געווען אימער איינע און דיזעלבע, פלעגט זיצן שטיל און אומבאַוועגלעך לאַנגע שטונדן אויף איין אָרט.

נאָר זינט פיאָדאָר איז אַנגעקומען צו זיי אין הויז אויף זיין אַלטן פּאַטערס פּלאַץ, האָט זיך חיענע געענדערט. ווען פיאָדאָר איז דעם ערשטן אָונט אַריינגעקומען זיך צום שלאָפן גרייט מאַכן, האָט חיענע אירע אויגן נישט געקענט אַוועקרייסן פון זיינע שוואַרצע, גראָבע אָבער שטאַרקע הענט און זיינע ריזיקע פּלייצעס. זי איז געווען פאַרוווּנדערט ווי פון אַ נייער זאַך, וועלכע זי האָט קיינמאָל נישט געזען. דאַן האָט זי דערפילט ווי עפּעס וואַרגט זי.

פיאָדאָר, ווידער, האָט אין אָנהויב זיך געשראָקן פאַר חיענען. ער פלעגט אָבער מורא האָבן צו שלאָפן מיט זיי אין אַלקער. ווען ער פלעגט זיך אַמאָל ביינאַכט אויפכאַפּן און דערמאָנען זיך דערביי אָן חיענען, איז אים געוואָרן קאַלט אין אַלע אברים. עס האָט זיך אים אויסגעדוכט: אָט קומט זי צו אים מיט צונויפגעדריקטע הענט אים דערשטיקן... אָבער ביסלעכוויז האָט ער זיך צו איר צוגעוווינט און האָט אָנגעהויבן זיך באַנעמען צו איר ווי יעדער, דאָס הייסט, מיר רחמנות.

איין פרימאָרגן ווען נחום איז, ווי זיין שטייגער, נאָכן דאַוונען אַוועק־געפאָרן אין וואַלד אַריין נאָך האָלץ פאַר דער באָד, און שרה איז אַוועק אין שטאָט, איז פיאָדאָר שכורערהייט אַריין אין אַלקער ווו חיענע איז געזעסן אויף איר געווינלעכן פּלאַץ אין ווינקל, בלאָנדזשענדיק מיט אירע טויטע אויגן איבער די ווענט. חיענע האָט מיט איינמאָל אָפּגעלעבט.

— אַ ווו איז דער טאַטע? — האָט איר פיאָדאָר געפרעגט מיט צייכנס: מיט דער רעכטער האַנט האָט ער אַ מאַך געטאָן גלאַט אַזוי און מיט דער לינקער האַנט האָט ער זיך ווי פאַר דער באָרד אָנגענומען. — זי האָט דאָס פאַרשטאַנען.

— גנאַ־גנאַ־גנאַ... — האָט זי אים אויף איר שפּראַך געענטפערט און איר געזיכט האָט געשיינט אַזוי, אַז אין זיין שכורן מוח איז דורכגעלאָפן אַ געדאַנק: זי איז דאָך גאָר נישט קיין מאוסע.

ווען שרה איז פון שטאָט געקומען, האָט זי געטראָפן פיאָדאָרן שלאָפנדיק אויף חיענעס בעטל און חיענע איז שטיל אין איר ווינקל גע־זעסן און מיט טויטע בליקן געבלאָנדזשעט איבער די ווענט.

אַ צייט איז פאַרביי.

דאָס שטעטל האָט פון דעם גרויסן אומגליק און דער שאַנדע זיך דערוווּסט. קומענדיק גאַנץ פרי נאָך וואַסער צו דער באָד־קרעניצע, האָט מען איין פרימאָרגן געהערט אַ שטילן פּישטש פון אַ קליין קינד...

— וואָס אַ משוגענע קען! — האָבן זיך ווייבער געוועדטלט שמייכלענדיק.

חיענע איז ווי ניי־געבאָרן געוואָרן. איר קינד האָט איר פיל קלאָר געמאַכט און טיפער פון אַלעמען האָט זי באַגריפן, אַז עפּעס ענדערט זיך, מוז זיך ענדערן פאַר איר און איר קינד. און ווען נחום איז אַמאָל פאַרנאַכט אין שול צו מנחה און מעריב געגאַנגען און שרה איז אין שטאָט אַוועק, איז חיענע מיט איר קינד אין אירע אָרעמס אַוועק צום טייך, צו וועלכן דער פּאַסטוך האָט די טשערעדע טרינקען געבראַכט. עפּעס אַ געהיימע קראַפט האָט זי אין טייך געשלעפּט. זי איז אַריין אין טייך מיטן קינד אויף די הענט און איז אַלץ ווייטער און ווייטער געגאַנגען.

***

פון דעמאָלט אָן איז עס אַ מאָדע אין שטעטל: ווען אַ קינד צעוויינט זיך שטאַרק און וויל נישט איינשלאָפן, שרעקט דאָס די מוטער, צייגנדיק אין דער פינצטער וועלכע שטאַרט אַריין פון דער נאַכט:

— בו־בו, אָט גייט חיענע די משוגענע!

און ווען דאָס קינד, פאַרגייענדיק זיך אין געוויין, קלאַפּנדיק זיך אין קאָנוווּלסיעס פאַר שרעק, רייסט זיך פון בעטל מיט די קליינע הענטעלעך צו דער מוטער, כאַפּט דאָס די מוטער אַרום און מיט טרער׳ן אין די אויגן זאָגט זי:

— ניין, ניין, גדולה מיינע, נחת מיינער, שלאָף איין געזונט. די משוגענע, חיענע האָט שוין לאַנג איר רו אויפן גרונט פון טייך געפונען!

קאַפּיטלען פון אַ ראָמאַן

האָסטו געזען אַמאָל אַ ליכט
צינדן — ברענען — אויסגיין?

.1

— אַ פאַרפוילטער בוים... אַ פאַרפוילטער בוים... ער וועט שוין קיין פּרוכט מער קיינמאָל נישט ברענגען...

אַלעקסאַנדער קוקט זיך פאַרטראַכטערהייט אַרום, זעט ווי יענע, די אַנדערעביימער אין גאָרטן בליען, וואַקסן. דער וועט ברענגען עפּל, דער — באַרן, דער — פלאָמען; נוצלעך זיך מאַכן.

דער בוים — פוילט...

— —

און די ווערסטן אויפן שליאַך לויפן אַזוי:

קליינע פלאָקנס נישט טיף אַריינגעגראָבן אין דער האַלב־רויער ערד: און אויף יעדן פון זיי אָנגעשמירט מיט שוואַרצער סמאָלע: 3, 4, 7, 8, 16, 17, 18, 19. עס פאַנגט זיך אָן פון ווערבאָווע און ענדיקט זיך — ווו האָט ריאַרקאָ געזאָגט?

ווירינאָווקע. זיבן און צוואַנציק וויאָרסט אינגאַנצן. אים אָבער האָט עס פיל נישט גענומען. ער איז דאָך נאָר פון סטאַנציע געקומען.

געדרייט האָט זיך דער וועג מאָדנע. ווען ער וואָלט אים נישט געקענט וואָלט ער געזאָגט: ער וויל זיך פון עפּעס באַפרייען, דער וועג. אָבער ער

קען אים צו גוט: אייגנטלעך: שוין אַ ביסל פֿאַרגעסן — אַ שטיק צייט אָפּגעווען פֿון דאַנען.

ווו קומט דער טייך אַהער?

אָ, יאָ! ער איז דאָך טאַקע דאָ פֿון פֿאַרצייטנס. נאָך מיט די קליינע פּריצישע חברה זיך דאָ געפּלושקעט. און די מאַמע פֿלעגט שרייען:

— נישט דיין קאָמפּאַניע!

— —

עפּעס געפֿעלט דאָ! אַ קלייניקייט; אין דער פֿריי! נישטאָ די שולע, די לערער, די נודנע און צייטנווייז זייער אומאָנגענעמע קאָלעגן.

— —

אָט, אַזוי! דאָ רירט זיך אַ לעבן! פֿריש!

— —

באַפֿרייט, און אַלעס אַרום וואַקסט.

און איידער ער האָט נאָך צייט זיך איבערצוגעבן צו די פֿרישע געפֿילן וואָס זעצן פֿון זיין נשמה ווי פֿון איין אומדערשעפּלעכן קוואַל, טראָגט זיך אַלעס אַרום אים אויפֿן הויף אין אַ ווירוואַר, מ׳שטייט אַרום —

— וואָס מאַכסטו, אַלעקסאַנדער?

דער טאַטע — גראָלעך. עטוואָס פֿאַרשטויבט — פֿון פֿעלד נאָר־וואָס געקומען. עס איז שניט־צייט און ער אַרבעט אָמשווערסטן אָט אין דער צייט: אַלעס אַרומקוקן, וואָס נישט מיט דעם אויג — מיט דעם געדאַנק אַרומנעמען. און בעת ער האָלט זיין יונג — אָט אַ בחורעץ: קנעפּ, אַ קאָקאַרדע! — אין זיינע ברייטע, מידלעכע אָרעמס האָט ער אין זינען אָנצוזאָגן די פֿערד אין שטאַל אַריינפֿירן, אָבער נישט געבן זיי באַלד צו טרינקען: זיי זענען נאָך דערשוויצט און קענען אַ קאַלטן צוק כאַפּן.

— —

נאָר די מאַמע וויינט. ליגט מיט אירע הענט אויף אַלעקסאַנדערס פּלייצעס, עטוואָס ברייטערע ווי ווען ער איז אָפּגעפֿאָרן אין גימנאַזיע („מענערשער!" פֿאַלט איר איין אין געדאַנק) און מאַכט אים פֿייכט די באַקן.

— —

— נו, גיי, שוין אַזאַ צייט, אַזאַ צייט נישט געהאַט צו טאָן מיט דיר!

— פֿאַראַסקאַ! העלף דעם פּאַניטש מיט די רענצלעך!

די הויז איז ווי געוועזן. אַ ברייטער אַריינגאַנג, אַ גרויסער הײמישער פֿירהויז און אַלעס איז באַקוועם.

— דאָס הויז וואַקסט מיר דאַכט אויך?

אַלעקסאַנדער וווּנדערט זיך גאָרנישט. אין דאָרף דאַרף אַלעס וואַקסן: פֿאַרקניפּט מיט אַלעמען וואָס איז אַרום דערינען. און אַלעס וואַקסט. פֿאַר־וואָס זאָל דאָס הויז אויך נישט ציִען די וואַקסנדיקע לופֿט פֿון דער נאַטור?

ער איז נישט שטאַרק מיד. ער איז אַזוי זעלטן ווען אַרויס פֿון שטאָט געוועזן די גאַנצע צייט. ער וועט זיך שוין אָפּרוען ווען ער וועט גיין שלאָפֿן. וואָס? זיין צימער — אַזוי ווי געוועזן? די מאַמע האָט אַלעס אָפּגעהיט בשעת ער איז געווען אַוועק פֿון דאַנען? דאָס ברייטע געלעגער? די ביכער? די בילדער?

ער וואָלט טאַקע אַ בעלן זיין צו זען. נייִן, נישט אין דער זייט דאָרף ער זיך פֿאַרנעמען. נו, טאַקע, ווי האָט ער דאָס געקענט פֿאַרגעסן?

און אויף מאָרגן אינדערפֿרי האָט זיך אַ נייע וועלט אָנגעפֿאַנגען. ער איז באַלד אַנטשלאָפֿן געוואָרן... עפּעס פֿאַרזוכט... דער עולם האָט גענויט... און אַלע געדאַנקען זענען ווי מיט אַ מעקער אָפּגעווישט געוואָרן רויִק געשלאָפֿן ביז דעם צווייטן פֿרימאָרגן.

די מאַמע האָט נאָר געוואָלט ער זאָל לענגער זיצן ביים אָנבייסן אינדערפֿרי. דער טאַטע איז אַוועק נאָך עט־עט אינדערפֿרי. שטענדיק בלייבט זי אַליין פֿון פֿריען מאָרגן ביז אין דער שפּעט נאַכט. ווען נישט די צוויי דינסטן, די שיקסעס און פֿאַרובקעס אויפֿן הויף וואָלט זי, איר דאַכט זיך, זאַנודיעט געוואָרן. וואָרום זאָל ער איר נישט דערציילן ווי אַזוי ער האָט געלעבט די גאַנצע צייט?

— איך האָב אייך אָפֿט געשריבן.

— אַ בריוול איז נישט דאָס, וואָס דו אַליין דערציילסט. דער טאַטע האָט נאָך געקענט זיך אָפּרייסן אין מיטן ווינטער צו דיר...

— נו, וואָס דערציילן? געלערנט, געגאַנגען אין טעאַטער אַמאָל, אַזוי

פאַרבראַכט צייטנווייז, אָבער מייסטנס מיט די ביכער אַליין אין הויז, אָדער מיט אַ פריינט פאַר עקזאַמענס.

יאָ. ער פלעגט אָפט פאַרברייננגען אין קונסט־סאַלאָנען ביי בילדער־אויסשטעלונגען. אַ ביסל אַנגעכמורעט אַרויסזאָגנדיק דאָס.

און אַ ווײַלע שפּעטער:

— און ווי לעבט זיך דאָ? דער טאַטע איז געוויס פאַרנומען דעם גאַנצן טאָג מיט געשעפט און דו מיט באַלעבאַטישקייט?

— ווי געוויינלעך. כ׳האָב דאָך דיר דערציילט... די מאַמע האָט נאָך עפּעס געזאָגט. זי האָט, דאַכט זיך, גערעדט פאַר אַ לאַנגער צייט, אָבער אַלעקסאַנדער האָט מער גאָרנישט געהערט. די מוטער איז נאָענט לעבן אים געזעסן און ער האָט דערזען אַ פּאָר גראָע האָר אויף אירע טעמפּלען. דאָס האָט אים אַרײַנגעבראַכט אין טרויער.

און די זון האָט ברילאַנט געשײַנט און אין דרויסן פון הויף האָט עמעצער אײַנגעשפּאַרט געשריען:

— פריש, צאַרט, לעבן!

— ווערסט פּילײַכט אַרויספאָרן צום טאַטן אין פעלד אַריין? ס׳וועט אים אַ שטיק געזונט צוקומען ווען דו וועסט אַרומרייטן צווישן די צוזאַ־מענגעשאַרטע סנאָפּעס און אים העלפן אַכטונג געבן אויף די גויים. גיי הייס מיכאַסן דיר אָנזאָטלען דעם בולאַנעם, ווייסט? דאָס איז דאָך דער לאָשעק פון דער גניאַדער וואָס דער טאַטע האָט אָפּגעקויפט ביים פאַר־ביי־פאָרנדיקן אָפיציר וואָס האָט זיך פאַרשפּילט אין קאָרטן?

אַ, ער האָט זיך שוין דערמאָנט! ווי אַזוי האָט ער דאָס געקענט פאַר־געסן, טאַקע!

און נאָך עפּעס:

— מאַמע, וואָס איז געשען מיט זיין פרוי און קינד?

— די פרוי זיינע איז באַלד געשטאָרבן ביי אונדז אין דאָרף ווי נאָר ער איז פאַרשוווּנדן געוואָרן. דאָס קינד איז געבליבן ביים גלח און איז אין שטאָט אין שולע, אַ שיינע מיידל אויסגעוואַקסן!

— טאַקע?

וואָס עפּעס, „טאַקע"? — נאַריש. וואָס מאַכט דאָס אים אויס וואָס פאַר אַ מיידל זי איז: שיין, מיאוס — זאָל זי זיין וואָס זי וויל. אים איז אַלץ איינס. ער פאָרט שוין אַוועק אין פעלד אַריין.

ער קושט די מאַמע און פאַרלאָזט דאָס הויז.

דער הויף איז ראַשיק. פערד הירזשען, קי מעקען, הינער און הע־נער קרייען.

**
*

פאַראַסקאַ גיט אָפּ גוטמאָרגן. ער געדענקט זי נישט פון פריער. אָ! יענע האָט געהייסן... ווי אַזוי האָט מען זי גערופן? י־ע־לענקאַ. אַ קליינע שיקסע, שטענדיק אונטערגעשטעקט דאָס קליידל אַזוי אַז דאָס ברודנע העמד פלעגט זיך אַרויסזען, שמוציקע פיס און אַ געזיכט מיט פּאָקן ווי אַ געלעכערטע רעשעטע. ער פלעגט נישט קענען עסן ווען זי פלעגט דאָס אים דערלאַנגען. ער פאָרט שוין אין פעלד אַרויס.

**
*

דער בולאַנער איז נישט קיין שלעכטער רייטער. ווי גוט ער געדענקט נאָך צו רייטן. אַ רחמנות אויף דעם אָפּיציר. ס׳הייסט נישט אויף אים נאָר אויף זיין פרוי וועלכע איז געשטאָרבן און זיין טאָכטער.

נו, וואָס מאַכט דאָס דען אויס?

די מאַמע זאָגט אַז זי איז אַ שיינע. ווי אַלט דאַרף זי איצט זיין, אַלענפאַלס?

**
*

דער וועג צום פעלד איז אַן אַנדערער, נישט דער וועג מיט וועלכן מען קומט אָן פון סטאַנציע. אַרום איז אַ זעלטענער האַרמאָנירענדער מיש־מאַש פון קאָלירן: ווייס, בלוי, גרין, געל — מען מעג זאָגן אַ געלויף פון קאָלירן, אָבער, ס׳איז שיין! לעאָן וואָלט אַנטציקט געוואָרן, דאָ וואָלט ער עטוואָס אָריגינעלעס געשאַפן — שטימונג אָן אַן עק! יענער ווערט דאָך גלאָט באַגייסטערט פון אַלעמען וואָס ער זאָל נישט זען, ווי אַלט־געבאַקן אָדער איינטאָניק אַ זאַך זאָל נישט זיין. איבערהויפּט דאָ. פיליכט אים שרייבן ער זאָל קומען צופאָרן? אייגנטלעך, איז ער דער איינציקער פון דעם גאַנצן בינטעלע מיט וועמען ער פלעגט ליב האָבן צייטנווייז צו

פאַרברענגען אָבער די נאַטור אַליין פאַר אים איז נישט גענוג. יענער דאַרף צו אַלעמען, פאַר אַלעמען, נאָך אַלעמען האָבן פרויען־געזעלשאַפט...

— נו, און דעם אָפּיצירס טאָכטער?

***

די שטאָט איז טאַקע די שטאָט. דאָ זענען שוין אַלע נייעסן דער־שעפּט. אַלע געזען. אויסגעשעפּט אַלע נייעסן אין אַ פּאָר טעג. אַפילו אַלע באַקאַנטע אַרבעטער און פויערים געזען און גערעדט מיט זיי. די איינדרוקן שטעמפּלען זיך אָפּ עפּעס מיט אַ פוילקייט, טעמפּ און אומ־ווילק. דער אַלטער גלח האָט זיך שוין אויך דערעסן. כאָטש ער איז דער איינציקער מענטש דאָ מיט וועמען ער קען זיך אין געדאַנקען אויסטוישן. ער איז אַ ביסל אינטעליגענט און אַנטוויקלט אָבער ווייט פון ראַדיקאַל, אַפילו נישט פּראָגרעסיוו אָדער ליבעראַל. אָבער אַוועקפאַרן פּאַסט נישט. „זיינע" וועלן עס נישט וועלן לײדן. און, טאַקע: אַזוי פיל צייט נישט געזען זיך מיט זיי און שוין אָפּפאָרן נאָך צוויי טעג זיין בלויז?

און ער האָט געבלאָנדזשעט צווישן די פעלדער און וועלדער אַרום. אויסגעפּרוווט אַלע קונצן מיט דעם בולאָנעם און אַפילו געפּרוווט זיך פאַררעדן מיט פאַראַסקען אַ פּאָר מאָל פאַר לאַנגווייליקייט.

און איינמאָל, ווען ער איז אויף דעם שליאַך אַרויסגעפאָרן, אויפן וועג צו דער סטאַנציע איז אים אַנטקעגן געקומען דעם גלחס שפּאַן און אין שאַראַבאַן זענען געזעסן צוויי מיידלעך און אַ יונג אין אוניפאָרם: דאָס מוזן זיין דעם גלחס צוויי קינדער און דעם אָפּיצירס טאָכטער, מאַניטשקאַ — מאַניאַ האָט זי געהייסן. דער אַלטער גלח האָט זי פאַרצויגן: מאַניטש־קאַ. און זיי האָבן אים געוויס דערקענט — אָבער ווי אַזוי? איינע פון די מיידלעך האָט זיך אומגעקערט און צוריק געקוקט ווען ער איז שוין גע־ווען ביי אַ אַכציק טריט ווייט פון זיי.

— ווער האָט זיך אומגעקוקט — מאַניטשקאַ?

— וואָס פאַר אַ טייוול? וואָס מאַכט עס אים אויס צי מאַניאַ, צי נישט מאַניאַ? ווערט ער שוין אין כעס אויף זיך אַליין. ווען לעאָן איז דאָ איצט וואָלט ער שוין געדענקט אַז ער גיט נאָך. נייך, ביי אים גייט דאָס

נישט. אַז ער ווייסט, איינמאָל פאַר אַלעמאָל, אַז קיין פרוי טאָר און וועט אין זיין לעבן אים דעם קאָפּ נישט פאַרדרייען.

**
*

באַלד אָבער כאַפּט ער זיך אין געדאַנק, אַז עס וואָלט דאָך אים אינטערעסאַנט געווען עס זאָל זיין מאַניטשקאַ, אָט די מיידל וועלכע האָט זיך אויסגעקירעוועט אין זיין ריכטונג. צום טייוול, פאַרוואָס האָט ער זיך נישט צוגעקוקט צו איר?

אויף דער סטאַנציע האָט ער צוגעוואַרט ביז די פּאָסט איז אָנגעקו־מען. ער האָט געקריגן אַ פּאָר בריוו פון פריינט, אָבער זיי זענען נישט געווען אינטערעסאַנט. ער דענקט, ער וועט אָפּנעמען די קאָרעספּאָנדענץ פאַר דעם גלח אויך. יענער וועט אים זייער דאַנקבאַר זיין. נישט דאַרפן טרייבן צוליב דעם אַ רייטער. אָבער אויפן וועג אַהיים דערמאָנט ער זיך, אַז ער האָט דאָס קיינמאָל נישט געטאָן ביז איצט. ס'זאָל דעם גלח נישט פאַרדעכטיק ווערן עפּעס. אָבער עס אַרט אים נישט. ער טוט דאָס פאַר קיין אַנדער אויסזיכט נישט, נאָר אַלס אַ...

ער האָט קיינמאָל נישט געדענקט דערפון? טאַקע, וואָס עפּעס איצט יאָ?

און ער איז רויט געוואָרן.

2.

— זייער ווייניק שטאַרקע מענטשן דאָ. ניעלין איז זייער, זייער אַ שטאַרקער.

ער, אַלעקסאַנדער, האָט שוין געזען גענוג שטאַרקע, פעלזן פעסטע מענטשן, אָבער, אַז סע קומט צו עפּעס, ווערן זיי שוואַך און אומבאַהאָלפן, דאָס איז נישט מער ווי אַ פעטיש, איין אָבערגלויבן אין אומגעהערטן העלדנטום.

— ווער איז ניעלין?

און אַלעקסאַנדער קוקט אויף דער יונגער זאַיאַ ווי ער וואָלט שוין מיט איר לאַנג באַקאַנט געווען. זיינע אויגן וואַנדערן איבער איר פיינ־

געמאָלן געזיכט אַזוי הייפעריק ווי אַ פליג. עפּעס איז דאָ אין אירע אויגן אַזעלכעס וואָס מאַכט צום דענקען:

פרויען אויגן זענען באַשאַפן געוואָרן אום טיף אַריינצוקוקן אין אַ מאַנס נשמה!

— ווער איז ניעלין?

— וואָס, ער האָט נישט געהערט וועגן ניעלינען? ער איז דאָך גע־ווען דער וואָס האָט געוואָרפן דעם טינטער זיין לערער אין קאָפּ אַריין, ווען יענער האָט געפּרוווט אים פאַרפלאָנטערן, און אַפילו דאָס, וואָס ער איז געווען דער בעסטער שילער און זיין פאָטער — דער פאָרזיצער אין געריכט האָט אויך נישט געהאָלפן. ער דרייט זיך אַרום איצט מיט אַ וואָלפישן פּאַספּאָרט אין קעשענע. ניין, מען זאָגט אַז דעם פּאַספּאָרט האָט ער אויפן שוועל פון דער קאַנצעלאַריע צעריסן.

אָט, דאָס הייסט שטאַרקייט. מען דאַרף זיין גרויס שטאָלץ.

טאַקע.

מען דאַרף זיך האַלטן פאַר מער ווי אַלעס.

נו, וואָס דענקט אַלעקסאַנדער גאַברילאָוויטש וועגן אים איצט?

***

ער בייגט זיך אַריבער עטוואָס איבער דעם טישל אין גלחס גאָרטן ביי וועלכן ער און זאָיאַ זיצן, שמייכלט געלאַסן, בייגט זיך אויס צוריק, פאַרלייגט די הענט אין בײדע קעשענעס און לאַכט שטיל.

— נאַרישקייטן. יעדער ייִנגל איז אַזעלכע העלדנטאַטן. מישטיינס געזאָגט, ווען ס'איז אין זיין ייִנגל־פּעריאָד באַגאַנגען. נו, וואָס שטעקט דען אין דעם?

זאָיאַ בלייבט אויף אַ ווײַלע אַזוי זיצן, קוקט עטוואָס טעמפּ אין זיין זייט און זאָגט:

— מיר דאַכט זיך אַז איר זענט אייער פאָטערס קינד!

קען זיין. זיין פאָטער האָט ער איצט באַמערקט (פריער האָט ער אים נישט אַזוי גוט געקענט!) איז שוין גאָרנישט אומאינטערעסאַנט. ווערליק, אַ קאָמערסאַנט. אַ פּאָסעסאָר איז ער אַ מענטש מיט זייער פיינע, מוטיקע בעדאַנקען און אנשויונגען. יאָ, יאָ, זי מעג שמייכלען וויפל איר האַרץ גלוסט.

— וואָלט מאַניטשקאַ דאָס געהערט!

ער האָט זיך שנעל אויפגעהויבן. אין קאָפּ האָט אָנגעפּאַנגען רוישן פּאָר אַ ווײַלע, אָבער — איבערגעגאַנגען באַלד. „מאַניטשקאַ זאָל הערן!" נו, וואָס וואָלט געשען ווען זי הערט? וואָלט זי געהאַט איינע פון די צוויי ברירות: אָדער צושטימען אָדער — נישט. און אפשר וואָלט זי אינגאַנצן פּאַסיוו געוועזן?

— מאַניטשקאַ — פּאַסיוו? צו קיין זאַך אין דער וועלט קען זי פּאַסיוו נישט זײַן. אַזאַ מאָדנע נאַטור איז זי. וואָס זאָיאַ פּלעגט זיך מיט איר אַמפּערן נישט איינמאָל:

— וואָס גייט דאָס דיך אָן? — ניין, זי קען און מוז דאָס נישט פּאַר־שווייגן. צייטנווייז ווען זי פּלעגט זײַן קינדיש גוט (זייער זעלטן טרעפט זיך מיט איר אַזאַ „שוואַכקייט", ווי זי רופט דאָס אַליין!) פּלעגט זי איר היציקע, טעמפּעראַמענטפולע נאַטור צושרײַבן איר פּאָטער.

— אַ קאָרטן־שפּילער, אַרומרייזנדער, פּאַמיליען־גליק־ברעכער, אָבער גרויסמוטיקער, ברייט־האַרציקער, פולבלוטיקער מענטש נישט קיין פּאַר־שטאַנענעם געמיט!

נישט קיין שלעכטע כאַראַקטעריסטיק וועגן אַן אייגענעם פּאָטער. אָבער ווי אַזוי ווייסט זי דאָס? האָט איר עמיצער דערציילט?

ניין. אָבער זי פילט דאָס אַליין. ס'איז נישט קיין קאַפּריז.

ס'איז געוועזן נאָך פּרי. ארום 11. אַלעקסאַנדער איז שוין דאָ פּאָר די לעצטע פּאָר שטונדן. פון פיל עס גערעדט, פיל עס אַרומגערעדט.

ווו איז מאַניאַ איצט?

וואָס הייסט ווו? זי נעמט דאָך איצט איר מאָרגן־שפּאַציר. זי שטייט אויף גאַנץ פּרי. אַזאַ געוווינהייט בײַ איר, שאַ, אָט קומט זי מיט יענער שאָטנדיקער אַלייע.

באַלד איז זי ווי אַ טויב אַרויסגעפּלויגן פון דאָרטן אין ווײַסן אַ מיידל אין אירע פרילינג־יאָרן. אין האַנט האָט זי געהאַלטן אַ בוך און נישט קוקנדיק אין זייער זײַט, דאָך צו זיי געשפּאַנט און בוך אַרויסגעלעזן:

„מיט אַ פּריצייטיק פּאַרוועלקט געזיכט, ווייך־האַריקער אַרומנעמענ־דער באָרד, מיט אויגן מידע, אָבער גלאַנצנדיקע האָט ער גערעדט ווי־אַזוי און ווי..."

— וואָס פֿאַר אַ מאָדנע איר מענער זענט! — האָט זי געזאָגט אויפֿ־היבנדיק איר האַנט פֿון ביכל און אויסשטרעקנדיק זי צו אַלעקסאַנדערן.
— נאָר איר רעדט, נאָר איר רעדט! צי איר זענט יונג, צי אַלט, שיין אָדער מיאוס — אָבער איר האַלט אין איין רעדן. און שטענדיק רעדט איר פֿאַר אונדז; מיר זענען די קרבנות, אַזוי צו זאָגן, פֿון אייער באַרעדעוו־דיקייט. און נאָך זאָגט איר דאָס אַלץ אויף אונדז.
— פֿון אייך נעם איך אַלעס צו! וואָס קען איך מיר העלפֿן. אויב איך זאָל איבערצייגן, אַז אייער קלאָגע איז אומבאַגרינדעט מוז איך רעדן, נו און דערמיט וואָלט דער מיטל פֿאַרניכטן דעם ציל!
פּילייכט רעכטפֿאַרטיקן?
— איר זענט דאָך אַ גרויסמוטיקע!
— מיין פֿאָטערס טאָכטער — דאָס איז מיין שטאַרקייט! מיין מו־טערס טאָכטער — דאָס איז מיין שוואַכקייט!
— איר שרייבט דאָ צו שטאַרקייט צום מאַנסביל?
— נישט אַלע מאָל. אַמאָל יאָ.
— אַ דאַנק דערפֿאַר.
וואָס איז דאָס פֿאַר אַ געוויש אין האַרצן? ווער שפּילט דאָרטן אַזוי מערקווירדיק? ווער צעשפּרייט זיך דאָרטן אַזוי גלייך זיין האַרץ וואָלט דעם פֿרימאָרגן אַ גרויסע ברייטע וועלט פֿאַר זיך אַליין געוועזן?
מאַניאַ ענטפֿערט:
— אַ רייכער פֿרימאָרגן, דער שפּאַציר איז געווען גענוספֿול, אָבער איך מוז איצט גיין עפּעס טאָן. פֿאַרנאַכט, אויב איר ווילט, קומט צו, וועלן מיר אין פֿעלד אַרויספֿאָרן. און אפֿשר גאָר אין וואַלד? כ׳וואָלט וועלן וועלשענע ביס פֿאַר די בעלקעס קלויבן. איר האָט ליב בעלקעס? איך האָב זיי בעסער ליב פֿון אַלע קליינע פֿיר־פֿיסיקע.
אַוודאַי האָט ער ליב בעלקעס. ווען האָט ער זיי ליב געקראָגן, לעצטן זומער? ניין, פֿון פֿאַר־צוויי־יאָרן אָן. אָבער ווי האָט ער זיי געזען, ער איז דאָך אין שטאָט געווען די גאַנצע צייט? די גאַנצע צייט? אַזוי? ער פֿלעגט אַמאָל מיט פֿריינט פֿאָרן פֿון שטאָט אויף געיעג.
הייסט עס, ער פֿלעגט זיי שיסן? וועמען, די בעלקעס? ניין, בעלקעס פֿלעגט ער נישט טשעפּען! אָבער ווי אַזוי האָט ער דעם אויסנאַם געמאַכט.

און זיינע פריינט שיסן אויך נישט קיין בעלקעס? ווי אַזוי האָט ער דאָס געקענט צוזען? אָ! זי וואָלט איר גאַנצן לעבן מיט קיינעם אַ וואָרט נישט אויסגערעדט ווען יענער דערלויבט זיך צו שיסן די ווייסע אומשולדיקע בעלקעס.

אַדיע!

די זון איז פאַרגאַנגען און אָנגעפאַנגען זיך אויסלעשן צוביסלעך, מיט אַמאָל אויסגעלאָשן. ער איז געוואָרן טרויעריק און פון גאָרטן מיט דער זייט אַרויסגאַנג דורכגעגאַנגען. אין הימל איז די זון געשטאַנען. ס׳געווען פונקט מיטאָג.

לעס ראָבינסאָן

דער קאַטשקעס שנאָבל

עס איז געווען אַ מיסטעריעזער געגנט; אַזאַ וואָס האָט מיט כל אמצי כוח זיך באַמיט אויסצוזען אַנדערש, אַרום־און־אַרום, ווי וואָס פּאַראַ פּלאַץ אַמווינציקסטן ענלעך דערצו.

אָבער דאָס גיכע זינקען פון דעם זאַמד האָט נישט געקענט פּאַר־בלענדן ס׳אויג, כאָטשבע אויף אַ רגע אָפּנאַרן דאָס געניטע אויג פון דעם אַרומרייזער, וועמעס נאָמען איז געווען העברי. ער האָט דערקענט אַ וויל־דערניש ווען ער האָט זי דערזען. דאָך מוז נאָך דערפאַר נישט אָנגענומען ווערן אַז דער דערמאָנטער שטח איז געווען עפּעס אַן אַלגעמיינער מין ווילדערניש, בלויז זאַמד, פּאַלמע ביימער, קעמלען, קאַקטוס־פּלאַנצן, אָאַזן, מיראַזשן, רויבפייגל, פלאַגווינטן און האָריזאָנטן. ראשית איז דאָרט נישט געווען קיין פּאַלמע־ביימער, קיין קאַקטוס־פּלאַנצן, קיין אָאַזן, קיין מיראַזשן, קיין פלאַגווינטן, ווי אויך איז דאָרט קיין זכר נישט געווען פון עפּעס־וואָס מען זאָל באמת קענען זאָגן אַז עס איז ווי־אַרום ענלעך צו אַ רויב־פויגל. און ווי ווייט עס איז צו זען מיטן נאַקעטן אויג איז דאָרט נישט געווען קיין שום זאַך אָט אויף אַזויפיל־אַ ענלעך צו אַ האָריזאָנט. די עק־זיסטענץ פון וואָס פּאַראַ זאַך אַזאַ איז, וואָרהאַפּט, אינגאַנצן געווען אַן ענין פון השערה. אויסגעצייכנט געבוי־זאַמד אין אומדערשעפּלעכע הויפנס, דאָס גלייכן, איז געווען לרוב, און דורכויס פריי צום האָבן, אָן מינדסטן געצאָלט.

טאַיטאַי־טאַיטאַי־טאַיטאַיטאַי, האָט דאָס זאַמד אויסגעסקריפּעט איטלעך מאָל ווען העגריס לינקער שטיוול האָט צו האַרט דאַרויף גע־קוועטשט, אַ זאַך וואָס האָט פּאַסירט מיט אומפּאַרמיידלעכער און ריטמי־שער אָפּטקייט. יענע, וואָס דענקען זיך אַז דערין שטעקט עטוואָס מער ווי ס׳כאַפּט דאָס אויג,ליידן פון אומפּינקטלעכן באַנעם. די דערקלערונג — איינפאַכקייט אַליין — איז וואָס העגרי האָט אַ ביסינקעלע מער צוגעהונ־קען אויף איין פוס ווי אויפן צווייטן. אָבער ער איז נישט געווען נידער־שלאָגן פון דעם אומגליק.

דערצו האָט איטלעכע אַנדערע ווײַלע דער „פּיף־פּאַף״ פויגל, וואָס מאַכט אַן אַ טומל פונקט ווי אַ באַן־לאָקאָמאָטיוו וואַרטנדיק ביים פּעראָן, געפונען אַ געלעגנהייט זיך צו לאָזן הערן. דאָרט ווו ס׳איז פּאַראַן מער ווי איינער, אָדער, אין אַנדערע ווערטער, ווו ס׳געפינט זיך אַ געזעמל פּיף־פּאַף פייגל, סוגעסטירט דער פּאַרמערטער טומל אַז עס איז פּאַראַן מער באַן־לאָקאָמאָטיוון ווי איינער, אָדער, זיך אויסצודריקן וואָרהאַפטי־קער, אַז אַ געדרענג פון באַן־לאָקאָמאָטיוון וואַרט ביי אַלע פּילצאָליקע פּעראָנען פון עפּעס אַ גיגאַנטישער סטאַנציע. העגריס מיינונג איז געווען אַז דער פּיף־פּאַף פויגל האָט געהאַט מעכאַניזמען אין זיך וואָס זענען זייער ענלעך צו דעם לאָקאָמאָטיווס מעכאַניזמען, אַנשטאָט דעם צאַרטן מין וואָס איז דער פּאַרמעג פון אַנדערע פייגל, און אַז אין דער סטרוקטורעלער אויסטערלישקייט איז געלעגן די דערקלערונג פון דעם פּיף־פּאַף טומל וואָס האָט רעזולטירט אין מאָמענטן פון דערשעפּ.

אין ווילדערניש פון דעם פּרט וואָס געשטאַלט מיט זיך דעם קעגנ־שטאַנד פון די באַמערקן זענען פּיף־פּאַף פייגל געווען מער ווי וואָס אַנ־דערש, חוץ זאַמד און שטערונגען. דערפאַר איז לחלוטין נישט שטוינענ־דיק אַז ווען נאָר דער אַרומרייזער האָט צוגעמאַכט די אויגן (און מיט אָפּטע אינטערוואַלן האָט ער אַזוי געטאָן בכדי פּטור צו ווערן פון דער פּאַנאָראַמע), זאָל אים נישט גרינג אָנקומען זיך אָוועקצומאַכן פון דעם איינבילד אַז ערגעץ דאָ ביי דער האַנט איז געווען אַ סטאַנציע פון וואַנען אומצייליקע לאָקאָמאָטיוון האָבן זיך נישט גערירט; אַ סטאַנציע, דאָס הייסט צו זאָגן, ווו זיי זענען פאַרבליבן ביי די פּעראָנען דעם גאַנצן טאָג און, דאָסגלייכן, די גאַנצענע נאַכט, טאָבעל טעג איינגעשלאָסן, אַנשטאָט זיך אַ ריר־טאָן ערגעץ ווהין אָדער דורכגיין צוריקוועגס. וואָרום ס׳געפּלי,

אָדער געדרענג, פון די פייגל איז געווען אויסערסט שטיל. נישט קיין איינציקן פיף־פּאַף האָט מען אויפגעכאַפּט בעת זייער פליען. ווען־נישט־ווען, אין אן עקשנותדיק נוצלאָז און אומבאַלוינט נישטערן נאָך אַן אָאַז, פלעגט איינער פון די פוכיקע רעטענישן אַ פלי־טאָן גאַנץ נאָנט אַרום העבריין, אָבער אַזוי ווי זיין פיף־פּאַף געצייג איז געווען באַשטאַט מיט אַ שטיל־שווייגער, און ס׳געפלי אַזוי געשווינט ווי אינגאַנצן אומזע־באַר, האָט ער נאָך געראַטעוועט דאָס געגאַר אַז ער וועט איבערגעפּאַרן ווערן.

עס איז געווען אַן עקסט־אַפּשיילאַכער פרימאָרגן; אַ פרימאָרגן וואָס האָט אויסגעזען צו גרימען מיט פאַרביטערניש, אָדער וואָס איז אַרויסגע־שליידערט געוואָרן, זידנדיק, פון אַן אויוון גרעבצנדיק פלאַמען פון טייוול־שער שנאה. די בלמפּוא ביימער איז נישט געווען אָנצוזען אין ערגעץ. עס איז צו אָנען, אפשר, אַז זיי האָבן זיך געמאַכט אַפּוועזנט פון דעם בילד ווייל עס איז זיי נישט געווען צום האַרצן דאָס היציקע גליִען וואָס האָט מיט אומברחמנותדיקער און בלעזלדיקער האַרטנעקיקייט אַרויס־געשטראָמט פון דער זון. דאָס איז, פונדעסטוועגן, נישט דער פאַל. פאַר־וואָר, קיין זאַך האָט אַזוי נישט געשמייכלט די טראָפּישע ביימער ווי די בלעזלענדיקע עקשנותדיקע זוניקע צעגליטקייט. זיי האָבן אָבער געליטן פון שעמעוודיקייט, און האָבן באַמערקט העבריס דערנענען זיך; און דאָס איז דורכויס די אורזאַך פאַרוואָס זיי זענען גיך פאַרזונקען פון די אויגן אין דעם זאַמד.

„וואָס פאַראַ רחמנות עס איז״, האָט העברי פאַר זיך באַמערקט, „וואָס מען קען נישט אומבאַשעדיקט עסן זאַמד, אָדער עס אויסטוישן פאַר עפּעס אַ מער לופטיקער זאַך און נישט אַזוי טרעשטשנדיק. ווען מ׳זאָל קענען טאָן איינס פון די צוויי אָן מידקייט אָדער ריזיקע״, האָט ער צוגעגעבן, „וואָלט מיין אָנוועזנהייט אין דער ווילדערניש לייכט געקענט דערקלערט ווערן; אָבער, רעדנדיק צו זיך אַן אונטערשיסעלעך, איז נישטאָ קיין זין פאַרוואָס איך זאָל דאָ גאָר אינגאַנצן זיין. פאַרוואָר״, וואָרטשעט ער, קאָפּ־ריזנע, „הלוואַי וואָלט איך געווען פאַרבליבן אויף מיין געלעגער״.

עס איז אין דעם מאָמענט וואָס ער האָט דערזען דעם פונדאַמענטאַלן פּאַדאַרגוס. איר האָט אפשר קיינמאָל קיין פּאַדאַרגוס נישט געזען. אַז עס

האַלט דערביי, האָב איך אויך נישט, און, ביז יענעם מאָמענט, האָט אויך נישט העברי ווען דעם פּאַדאַרגוס געזען.

דער פונדאַמענטאַלער פּאַדאַרגוס האָט געשיינט צו זיין גאַנץ פאַר־געסלעך אין באַצוג צום אומגעב און גאַנץ אומפאַרינטערעסירט אין דעם דערנענען זיך פון דעם אַרומרייזער. ער האָט גאַנץ געשמאַק עפּעס אַרומ־געזוכט אין גראָז. אויב כ׳האָב פריִער נישט דערמאָנט גראָז איז עס דערפאַר וואָס אין מערסטע ווילדערנישן גיט קיין גראָז נישט. אָבער אויב ווער איז אַלץ נאָך מיט דער מיינונג אַז דאָס איז געווען גלאַט אַן אלטעגלעכער האָסטו־איינע־געזען־האָסטו־זיי־אַלע־געזען מין ווילדערניש, קאָן איך בלויז שליסן אַז די ביז איצט פאַרזוכטע דערקלערונגען זענען אינגאַנצן מיס־פאַרשטאַנען געוואָרן, און אַז מיינע פאַרזוכן אין באַשרייבן זענען פאַרפי־רעריש און נישט דערפאָלגרייך.

דער פונדאַמענטאַלער פּאַדאַרגוס, וועלכן, נישט האָבנדיק אים קיינ־מאָל געזען, איך וועל זיך נישט באַמיִען צו באַשרייבן, האָט פאַרימערט געדזוואָנקעט בעת ער האָט צו דערזעלבער צייט אַרונטערגעבליקט מיט פרוכטזאַמען פאַרזיכט אונטער יעדן בלעטעלע גראָז.

„וואָס זוכסטו?״ וויל העברי זיך דערוויסן, מיט אַ קוריאָזיטעט פאַר וועלכער ער פלעגט אָפּגעזידלט ווערן פון יעדן זעלבסטזיכיקן.

„וואָס אַ שטייגער דענקסטו?״ האָט דער פּ. פּ. געענטפערט מיט אַזאַ קלאַנג פון קול וואָס וואָלט, צו דערקונדיקטע אויערן, געווען געליפערט אַ וואָרענונג אַז עס איז נישט געווען אין קיין ליבלעכער שטימונג.

„איך בין נישט פעיִק צו דענקען״, האָט העברי געזאָגט, און דאָס, באמת, איז נישט געווען קיין האָרעלע איבערטריבן, וואָרום ער איז צווייפללאָז געווען אַן אומוויסנדיקער מענטש.

„איך זוך דער קאַטשקעס שנאָבל״, האָט דער פּ. פּ. געזאָגט אין טענער פון וואַזשנער גרויס. און, טאַקע גלייך, זיך ווידער אַ נעם געטאָן זוכן מיט פאַרטאָפּלטער ענערגישקייט.

ביי יעדן איינעם וואָס איז פעיִק צו דענקען און, פאָלגלעך, צו פאַר־דאַכטיקן, וואָלט אַזאַ ענטפער ווי דער פּ. פּ. האָט געגעבן אויף אַן אומ־שולדיקער פראַגע אויסגעזען באַדאַכטזאַם אומהעפלעך אָדער זינלאָז. מען מוז אָבער נישט פאַרגעסן אַז העברי, ווי ער האָט גאַנץ טרעפלעך באַ־מערקט, איז געווען אומפעיִק צו דענקען און, דאָסגלייכן, חושד צו זיין.

כאָטש איך דענק נישט אַזוי, איז פּאָרט אָבער אויך מעגלעך ער זאָל זיך האָבן דערמאָנט אין דעם קריטישן מאָמענט אַז אין אַלע אופנים וואָס באַ־צִיַען זיך צו וויסנשאַפטלעכן אויספאָרש איז עס בלויז דער אמת וואָס האָט האַפט. אַפילו אָננעמענדיק אַז ער האָט זיך דערמאָנט אין עפּעס פון דעם מין, וואָס איז עקסט־צווייפלדיק, וואָלט העברים טעות געווען דער גלויבן אַז דער פּ. פּ. האָט זיך פאַרנומען מיט וויסנשאַפטלעכן אויספאָרש, וואָרום, ווי מירן אין קורצן זען, איז דאָס נישט געווען דער פאַל.

„איך וואָלט נישט געווען געגלויבט אַז קאַטשקעס געדייען אין אַזאַ טרוקן און זאַמדיק אָרט", האָט באַמערקט העברי, וועמעס קוריאָזיטעט איז שוין נישט צו זעטיקן אָן שווערקייטן, קוים איז זי נאָר ווען דערוואַכט.

„נו, זיכער געדייען זיי נישט", האָט דער פּ. פּ. געזאָגט. „און באמת", האָט ער צוגעגעבן מיט אַ שעלמישן ווונק, „איינמאָל פאַרנאַכט אַהער, וועט מען שוין מער פון זייער סלעך נישט הערן. פאַרשטייסטו", האָט ער דערקלערט, „איך בין אַ מערקווירדיקער בעלן אויף קאַטשקע".

„פונקט ווי איך", האָט העברי געזאָגט, מיט אַ פשוטקייט וואָס איז זעלטן און אַזוי חנעוודיק אין אַ מענטשן וואָס האָט שוין געפּראַוועט זיין פינף־און־צוואַנציקסטן געבורטסטאָג. „אָבער ווי אַזוי, מיין האַר, דערלויב מיר צו פרעגן", זאָגט ער, „געלינגט דיר זיי פאַרנאַרן אַהער אין דעם פאַרוויסטן און פאַרקוואַרטן ווינקל אַריין? קוואַקעסטו אפשר ווי קאַטשקעס בכלל, כדי זיי אָפּצונאַרן?"

„לחלוטין נישט, לחלוטין נישט", האָט דער פּ. פּ. געזאָגט. „איך מאַך אַ געטומל וואָס, איך פאַרזיכער דיך, איז גאָר אַנדערש. עס דערמאָנט פּינקטלעך, אָנשטאָט, דאָס פליושקען פון אומצייליקע שנאָבלען אין אויס־סערגעוויינלעך שמוציק וואַסער. דאָס ברענגט זיי צו טראָגן", האָט ער צוגעגעבן, „און מאַכט אומשטאַנד אַז די פאַדאַרגוסעס זאָלן האָבן קאַטשקע צום אָנבייסן כמעט יעדן זונטיק".

„ב־יאָ", האָט העברי געזאָגט, „אָבער פאַרוואָס, דערלויב צו פרעגן, זוכסטו נאָר דער קאַטשקעס שנאָבל? דער שנאָבל טויג נישט".

„נישט ווײלנדיק דערשיינען צו זיין אומהעפלעך, העברי", האָט גע־זאָגט דער פּ. פּ., וועלכער האָט אויף עפּעס אַ מערקווירדיקן אופן זיך אָנ־געשטויסן אין אַרומרייזערס נאָמען, „לאָמיך דיר שוין טאַקע זאָגן אַז אין דער היינזיכט איז מיר אוממעגלעך דורכויס צושטימען מיט דיר, און אויב

דיר זאָל ווילגעפעלן אַ מוזיקאַלישער אינסטרומענט פון קאַטשקע־שנאָבל קענסטו לאָזן דיין באַשטעל ביי מיר״.

„הייסט עס אַז איך בין שוין טאַקע פון זינען״, האָט הענרי אויסגערופן.

„לחלוטין נישט, לחלוטין נישט״, האָט געזאָגט דער פּ. פּ., אין דער־זעלבער צייט דזוואָנקענדיק אין דערמוטיקן.

טאָיטאָי־טאָיטאָי־טאָיטאָיטאָיטאָי, האָט דאָס זאַמד אויסגעסקריפּעט אויפסניי, אין אָפּטע אינטערוואַלן, ווייל עס איז איצט געווען צו באַמערקן אַז הענרי, צוגעהאַפּט צו אַ דיקער קייט, איז אַוועקגעפירט געוואָרן פון דעם פּ. פּ. צו איינעם פון די באַהאַלטענע אָפּגעזונדערטע ווינקלען מיט וועלכן די ווילדערניש איז געווען איבערגענוג באַשטאַט. עפּעס אַ שטיקל שיין ווערט אפשר געוואָרפן אויף דעם שפּעטערן צושטאַנד אַ דאַנק דעם פאַקט, ווי קוריעז ער איז צו באַאָבאַכטן, וואָס אָנשטאָט דעם נאָז־צוזאָץ, פאַראַלגעמיינערט ביי אַ וועלט מיט מענטשן, איז הענרי געווען באַשאָנקען פון דער נאַטור מיט אַ שנאָבל, און פון דעם מין וואָס איז אַזוי ענלעך צו דעם שנאָבל פון אַ קאַטשקע, אַז עקספּערטן, צווישן וועלכע מען מעג פאַררעכענען דעם פּ. פּ., האָבן נישט געקענט באַמערקן די מינדסטע אומענלעכקייט.

„פּיף־פּאַף! פּיף־פּאַף!״ האָבן אויסגעשריען עטלעכע פון די זעלטענע פייגל, פון דאָרט ווו זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט אַ צוואַנציק מינוט פריער פאַרקירעווענדיק זיך צו אַן אויסגעטראַכטער סטאַנציע; און איצט אַז הענרי איז שוין געווען היפּשלעך אויפן מאַרשרוט אַהין וווהין דער פּ. פּ. איז געגאַנגען, האָט דער בלמפּווא־בוים, איינהערנדיק זיך פאַרזיכטיק אַ קורצע ווײַלע, פּאַמעלעך זיך אויפגעהויבן פון זאַמד און ווידעראַמאָל אָנגענומען זיין פּערפּענדיקולאַר געשטאַלט.

(איבערזעצט פון ענגליש)

סלעיטער בראַון

אַ צווישנפּלאַנעטן עפּיזאָד

קיין שפּערלינג פאַלט נישט
אָן גאָטס וויסן.

(אַן אַלטער הימן)

ערשטער טייל

א

זאָל דער צייכן X פאַרשטעלן דעם מיטלפּונקט פון דער ערד, זאָל דער צייכן XY רעפּרעזענטירן דאָס וואָרט „טשערניצעס״.

איצט וועלן מיר ציִען אַ ליניע פון פּינטל X צו פּינטל Y.

פאַרטיק מיט דער אַרבעט, וועלן מיר ציִען ווייטער די ליניע Z אַרויפצו ביז צו אַן אַנטשיידענעם פּונקט אין רוים.

זאָל Y באַצייכענען דאָס אַנטשיידענע פּינטל.

איצט קען מען זען אַז דאָס דערלענגערן פון דער ליניע XY ד״ה, YZ קרייצט דעם עק פון אַן ענגלישן שפּערלינג.

זאָל דער צייכן 'A פאַרשטעלן דאָס קרייץ־פּינטל.

ב

מיסטער ראָדעריק קראָפּיש, 57, אומפאַרהייראַט, ווינאָרט און באַ־שעפטיקונג אומבאַשטימט, זיצנדיק אויף אַ פּאַרק־באַנק, האָט אַוועקגע־

וויילט אַ מאַנאַטאַנעם זונטיקדיקן פרימאָרגן מיט אַ גרינדלעך דורכלעזן דעם „ניו יאָרק אַמעריקן". דאָס איז געווען זיין געוויינלעכע אויפפירונג יעדן זונטיק.

רעכטס פון מר. קראַפּיש און אין זיין נאָנטסטער סביבה, אויפן סאַמע עק־באַנק, האָט דאָס גלייכגעוויכט געהאַלטן אַ פּאַפּירענער שקאַרמיץ פון וואַנען מר. קראַפּיש האָט פון צייט צו צייט אַרויסגעצויגן אַ באַנאַנע.

לינקס פון מר. קראַפּיש, גלייכגעוויכטיק אויפן צווייטן עק־באַנק, איז געזעסן אַן אומבאַקאַנטע דאַמע אין אַ חריפותדיקן הוט.

אַנטקעגן מר. קראַפּיש האָט דער ברוקלינער „רע אומבערטאָ בלאַז אָרקעסטער" אונטער דעם געשיקטן באַטאַן פון סיניאָר דזשיאָוואַני פּו־ריאַזאָ אויפגעמונטערט די זונטיקדיקע פרימאָרגן לופט מיט אַ לעבהאַפ־טער אויסטייטשונג פון סיפּעס „לייכטע קאַוואַלעריע אָווערטורע".

הינטער מר. קראַפּישעס רוקן איז געווען אַ בוים.

איבער מר. קראַפּישעס קאָפּ איז געווען דער פונקט 'A

ג

ווען מר. קראַפּיש האָט זיך געווענדט צו זייטל 4 פון „ניו יאָרק אַמע־ריקען" איז זיין אויפמערקזאַמקייט מיטאַמאָל צוגעצויגן געוואָרן צום פאָלגנדיקן קעפּל:

מיידלס פאָטער ברענגט קלאַגן קעגן באַיאָרטן פרוש

זייענדיק אַן אַמאַטאָר אין זאַכן וואָס האָבן צו טאָן מיט פסיכאָלאָגיע, האָט מר. קראַפּיש ממש מיט די אויגן זיך איינגעפרעסן אין דעם טייל פון דער צייטונג, ווו דאָס רייצנדיקע קעפּל איז געדרוקט געווען, דאַן האָט ער איבערגעלייענט דאָס פאָלגנדיקע שטיקל נייס:

> אַ טאַל, ניו העמפּשייר, יולי 25. — טימאָטי פּוטערונס, אַ פרוש, וועלכער האָט די פאַרגאַנגענע זיבעציק יאָר אָפּגעלעבט אין דער געגנט, איז דעם פרימאָרגן אַרעסטירט געוואָרן אין זיין פעלדשטיבל פון שעריף אַנדריוס. ערנסטע קלאַגן זענען געמאַכט געוואָרן קעגן דעם זקן פון ה. ט. לייקע, מיט וועמעס 14־יעריקער טאָכטער לילי דער פרוש האָט, לויט דעם פאָטערס באַהויפּטונג, זיך אומאָנשטענדיק אויפגעפירט. עס ווערט אָנגעגעבן אַז בשעת דאָס קליינע מיידל האָט געהאַלטן אין זאַמלען טשערניצעס...

ד

נאָכדעם ווי דער „רע אומבערטאָ בלאָז־אָרקעסטער" האָט דורכגאַ־לאָפּירט אַ 27 טאַקטן פון דער „לייכטער קאַוואַלעריע אָוועטורע" און זיך אַריינגעקייקלט אין אַן אויפגערייצטער באַטאַליע פון טרומייטן, קעסל־פויקן, פּלייטן, אָבאָיען, האָרנס, פּיקאָלאָס און קאָרנעטן, אַ דאַנק דעם ליידנ־שאַפטלעכן שטעקעלע פון דעם פלאַמפּייערדיקן סיניאָר דזשיאָוואַני פּורי־אַזאָ, איז ער געצוימט געוואָרן פון דעם מיטרייסנדיקן דיריגענט פּונקט פאַר דעם אויסגעצייכנטן מאָמענט ווען — אין אַ שטילקייט וואָס קומט פאַר אַ שטורעם, אָדער, בעסער געזאָגט, פאָלגט נאָך אַ שלאַכט — אַר־טוראָ סטראָמבעליני, סאָלאָ, האָט געלאָזט אַרויסכישופן פאַר אַ דערוואַרטנ־דיקער און אָטעמאיינהאַלטנדיקער וועלט אַ צאַרטע און יללהדיקע טרע־מאָלאָ פון זיין טראָמבאָן.

ה

פּאַליסמאַן סאַליוואַן, פון סטיישאָן 7, איז געשטאַנען מיט דעם רוקן צו דער מוזיק. עס זענען געווען געניגנדיקע אורזאַכן פאַר דעם. ווייל, ערשטנס, האָט פּאַליסמאַן סאַליוואַן געהאַלטן אַן אויג אויף אַ לוסטיק אירלאַנדיש שיקסל אין דער צוויטער זייט פּאַרק. און צווייטנס האָט פּאַ־ליסמאַן סאַליוואַן געקענט פאַרנעמען מוזיק הינטנאַרום פּונקט אַזוי פאַר־שטענדיק ווי מיט דער פּאָדערזייט. עס איז נישט געווען וואָס צו געווינען, ווי פּאַליסמאַן סאַליוואַן וואָלט געווען געקענט חקרנען (און מיט אַ היבש ביסל גערעכטיקייט), מיט זיין אָוועקנעמען די אויגן פון דעם לעבעדיקן שיקסל, אויסדרייענדיק זיך ווימוטיק אויפן קנאַפּל און ווענדן זיין בליק אויף סיניאָר דזשיאָוואַני פּוריאַזאָ.

פּאַקטיש האָט פּאַליסמאַן סאַליוואַן זיך צוגעהערט צו דער מוזיק מיט מער ווי אַלגעמיינע געפילן. אויפגערעגט פון די פויקן און דעם שאַלן פון טרומייטן, האָט ער זיך אַריינגעוואָרפן אין שלאַכט, געמאַכט אַן העל־דישן אַנגריף, איינער אַליין פאַרכאַפּט באַטאַרייען מיט קאַנאָנען, אַרומגע־רינגלט אינפאַנטעריע־רעגימענטן, געפאַנגען אַ ראָטע געגעראַלן און אין דעם מאָמענט, ווען אַרטוראָ סטראָמבעליני האָט געהאַלטן אין אַרויסבלאָזן די סלינע פון זיין טראָמבאָן אין פאַרבאַרייטונג צו אַ קינפטיקער סאָלאָ,

האָט פּאַליסמאַן סאָליוואַן געקעמפּט מיטן רויב פון זיין זיג אין דער געשטאַלט פון אַ שיינער איטאַליענישער סיניאָרינאַ.

ו

זייט ביי זייט זענען די הויכווירדיקע גייסטלעכע סעמועל עקס־פּונ־דאַמענט און ר. ס. ווערזע דערשינען אין פּאַרק. כאָטש לויט דעם פּראָגראַם האָבן זיי זיך געזאָלט צוזאַמענטרעפן ערשט עלף, האָט זיי אָבער דער צופאַל צונויפגעפירט פאַר דער באַשטימטער צייט, און באַגריסנדיק איי־נער דעם צווייטן אויפן גייסטלעכן אופן, האָבן זיי זיך גענומען שפּאַנען צום טאַקט פון דער „לייכטע קאַוואַלעריע אָווערטיורע" אויפן וועג צו דער „קירכע פון אויסגלייכונג" ווו זיי האָבן געזאָלט, אונטער דעם אפּיטרופּסות פון דעם „פרויען געהילפס פאַריין", אָנפירן אַ געפעכט איבער דעם פּראָב־לעם פון דער „אומבאַפלעקטער באַפרוכטונג".

און כאָטש אויפן וועג האָבן זיי אָנגענומען דעם אויסדרוק פון איין האַרץ און איין נשמה, נישט באַטריבט פון קיינע שטורעם־כוואַליעס, זענען דאָך די הויכווירדיקע גייסטלעכע, שוין אין ערשטן מאָמענט פון זייער באַגעגעניש, געשפּרונגען פון דער הויט, אָנגעפירט זייער קאַמף. און אַזויערנאָך איז אָנגעפלויגן אַזאַ צאַרנדיקער שטורמווינט פון אַרגומענטאַ־טיווע קולאַטשקעס, אַז נישט דאָס האַרמאָניזירן פון דער מוזיק און נישט די האַרמאָניע פון די לופט־ספערן אַפילו האָט געקענט צוריקברענגען די צוויי צעהיצטע מוחות אין איינשטימיקייט.

— דו פאַרדאַרבסט דעם אַפּאָסטאָלישן עיקר פון דער אמונה, — האָט גלח פונדאַמענט געטאַדלט אַראָפּנעמענדיק דעם הוט.

— איך פאַרדאַרב שוין גאָרנישט, — האָט געדונערט גלח ווערזיעס קול.

— דו פאַרדאַרבסט די ניצעאינער קריסטלעכע דאָגמע, — האָט גע־שריען דער הויכווירדיקער פונדאַמענט ווען זיי זענען פאַרבייגעגאַנגען פּאַליסמאַן סאָליוואַן.

ז

דער יונגער מר. ס. רעדל־דיק, דער קוראַט פון דער „קירכע פון אויסגלייכונג", מיט שיינענדיקע רויטע בעקעלעך און אַ שמייכל וואָס

װאָלט פּוטער צעשמאָלצן, האָט באַגריסט די פּאַרזאַמלטע אויף די פּאָ־דערשטיגן פון דער קירכע. מר. רעדל־דיק האָט פּאַרמאָגט אַ זיסן שמייכל און אַ מונטערדיק װאָרט פאַר יעדן, אומאָפּהענגיק פון פּערזאָנס נאָמען, געשלעכט, יאָרן אָדער האָר־קאָליר.

— אַך, גוטמאָרגן, גוטמאָרגן, — האָט ער אויסגערופן צו מרס. פּיינגעבויט װעמען צװיי באַדינער האָבן אַרויפגעטראָגן אויף די שטיגן.

— כ׳האָב מורא כ׳האָב עטװאָס פאַרשפּעטיקט.

— שוין גאָרנישט פאַרשפּעטיקט, מרס. פּיינגעבויט, — האָט מר. רעדל־דיק אַ זאָג געטאָן, אַרויסציִענדיק זיין גאָלדענעם זייגער, — די דע־באַטע האָט זיך נאָך נישט אָנגעהויבן, פּאַקטיש זענען די צװיי קעגנער נאָר־װאָס פאַרבייגעגאַנגען די עסטראַדע אַהערצו־װעגס.

— הייסט עס אַז כ׳האָב נישט פאַרשפּעטיקט.

ח

„די קירכע פון אויסגלייכונג" איז געװען געפּאַקט װי אַ הערינג־פאַס, יעדער געזעס פאַרנומען פון על כל פּנים צװיי מענטשן. דער באַלקאָן האָט זיך געבויגן אונטער דעם מענטשן־געדרענג. אַ צאָל צושויער האָט אַרומגעזעצט די שטיגן װאָס פירן צום אַלטאַר; אייניקע האָבן פאַרנומען דעם אָרגאַניסטס פּלאַץ און אַן אַלטער מאַן האָט זיך איינגעאָרדנט אויפן באַלעמער.

פון בײדע זײטן כאָר זענען אויפגעשטעלט געװאָרן צװיי בימהס און געשמאַקפול דעקאָרירט מיט אַמעריקאַנער פאָנען. פון איין בימה האָט געזאָלט דרשנען דער הויכװירדיקער פונדאַמענט, פון דער צװייטער — דער הויכװירדיקער װערזיע. די געמיינדעס, צעטיילט אין צװיי אָפּטיילונגען דורך דעם הויפּט־דורכגאַנג צװישן די בענק, האָבן זיך גרו־פּירט — יעדע פאַר דער בימה פון איר פּאַסטאָר.

פון דער סטעליע איז אַראָפּגעהאַנגען אַ גרויסער מיקראָפאָן, גרייט פאַנאַנדערצוטראָגן די דעבאַטע, די גלייכע װערטלעך, צוריקװייזונגען, קעגנענטפערס, װאָגיקע באַװייזן, װיצן, שטעך־װערטלעך, אָפּשניטן, זעל־טענע פּענעצלעך און באַטעמטע אַפּאָריזמען פון די גייסטלעכע צו די הונדערט מיליאָן ראַדיאָס צעזייט איבער דער לענג און ברייט פון לאַנד.

ווען דער טורעם־זייגער האָט אויסגעקלונגען עלף איז אַ שטילקייט באַפאַלן דאָס אומגעדולדיקע געזעמל. די שטילקייט איז פאַנאַנדערגעשפּרייט געוואָרן צווישן די הונדערט מיליאָן שוויגנדיקע צוהערער.

צווייטער טייל

האָבנדיק צונויפגעזאַמלט מיינע פאַקטן און זיי אויסגעמושטשירט מיט אַ מיליטערישער פּינקטלעכקייט, דענק איך נישט פּאַר איבעריק אָפּצופּרישן דעם לעזערס זכרון מיט אַ גלאַטן סך הכל:

אין ערשטן טייל, ווי ס'איז לייכט צו געדענקען, האָב איך באַצייכנט געוויסע שטעלן אין רוים און זיי פּאַראייניקט דורך גלייכע ליניעס. כ'האָב נאָכדעם געצויגן דעם לעזערס אויפמערקזאַמקייט אויף דער פּערזאָן פון אַ געוויסן מר. קראָפּיש וועלכער, זיצנדיק באַשיידן אויף אַ פּאַרק־באַנק, האָט געהאַלטן אין דורכלעזן דעם זונטיקדיקן „אַמעריקן". כ'האָב געמאַכט די באַמערקונג אַז אין מר. קראָפּישעס רעכטער זייט איז געווען אַ שקאַרמיץ מיט פּרוכט און אין מר. קראָפּישעס לינקער זייט, אויפן צווייטן עק באַנק, איז געזעסן אַ פּעטע דאַמע וועמעס נאָמען איך האָב נישט געקענט פאַרעפנטלעכן. כ'האָב אויך באַמערקט אַז אונטער מר. קראָפּיש האָט זיך געפונען דער פּונקט X הינטער זיינע פּלייצעס — אַ בוים, און איבער אים — דאָס פּינטל A. כ'האָב אין קורצן ציטירט פונעם סאַטירישן שטיקל נייס וואָס מר. קראָפּיש האָט אינערלעך געהאַלטן אין פאַרדייען און דאַן האָב איך געצויגן אַלגעמיינע אויפמערקזאַמקייט אויף דעם „רע אומבערטאָ בלאָז־אָרקעסטער". כ'האָב פאַרצייכנט די געשיקטקייט פון סיניאָר פּוריאָזאָס באַטאָן און באַמערקט אַז דער אָרקעסטער האָט דערגרייכט די שטופּע אין זיין לעבהאַפטער אויסטייטשונג ווען סיניאָר סטראַמבעליני האָט געזאָלט אַרויסכישופן אַ „צאַרטן און יללהדיקן טרעמאָלאָ פון זיין טראָמבאָן". כ'בין דאַן אַוועק נישט ווייט פון דער עסטראַדע צו פאָליסמאַן סאַליוואַן וועלכער איז געשטאַנען, צוליב אורזאַכן פון אַ פּריוואַטן כאַראַקטער, וואָס כ'האָב אין אַ פּאָר ווערטער אָנגעדייט, מיט דעם רוקן צו דער מוזיק. דאַן האָב איך נאָכגעפאָלגט דעם אויסערלעך גלאַטן אָבער אינערלעך שטורמישן וועג פון די צוויי גייסט־לעכע צו דער „קירכע פון אויסגלייכונג", באַמערקט דעם הויכווירדיקן

פונדאַמענט אַראָפּגעמען זיין הוט און געזען די גייסטלעכע שפּאַנען הינטער־פּאַליסמאַן סאָליוואַנס פּלייצעס. כ׳האָב דאָן בקיצור באַשריבן דעם יונגן מר. רעדל־דיק אויף די פּאָדער־שטיגן פון דער קירכע און געשילדערט אַ פויגל־פּערספּעקטיוו פון דער מענגע קירכע־באַזוכער פאַרזאַמלט אינעווייניק פאַר דער דעבאַטע.

און איצט, האָבנדיק אויף אַזאַ אופן באַנעצט אונדזער גייסטיקן גאָרגל, קאָנען מיר זיך ווענדן מיט אַ ריין געוויסן צום דריטן טייל אין וועלכן כ׳האָף, מיט דעם צוגאָב פון אַ באַווירקנדיקער אורזאַך און עט־לעכע „נאַטור געזעצן״ צו באַפעסטיקן דעם אמת פונעם פאַרצייטיקן ווערטל וואָס כ׳האָב מיט פאַרגעניגן אַוועקגעשטעלט אין אָנהייב פון מיין ווערק, ד״ה:

קיין שפּערלינג פאַלט נישט
אָן גאָטס וויסן.

דריטער טייל

אויף וויפל אַלץ אין דער וועלט איז אונטערגעוואָרפן דעם טוישנ־דיקן פּראָצעס פון „צופלוס און אָפּפלוס״ איז אפשר נישט פּינקטלעך פון מיין זייט צו באַנוצן דעם אויסדרוק „באַווירקנדיקע אורזאַך״, ווייל אויב אַלע געשעענישן און זאַכן — לויט דעם ווי די דענקער לאָזן מיך הערן — עקזיסטירן נישט אין דער ווירקלעכקייט אויסערהאַלב דעם אומענדלעך און אומטיילבאַרן מבול — „צייט״, דאַן איז יעדע געשעעניש און יעדע זאַך, נישט נאָר אַן „אורזאַך״, נאָר אויך אַ „ווירקונג״. די צעטיילונג אין די צווייאיקע קאַטעגאָריעס איז איינפאַך ווילקירלעך, לויט דעם ווי איינעם געפעלט. און דערפאַר, וואָלט איך, אויפהייבנדיק דאָס הילצערנע העמערל וואָס ליגט פאַר מיינע אויגן, אַ קלאַפּ געטאָן דערמיט אין צימבל און גע־מאַכט די אַלגעמיינע באַהויפּטונג אַז דער קלאַנג, וואָס האָט זיך אַזוי ערנאָך אַרויסבאַקומען פון צימבל, איז פּראָדוצירט פון דער „באַווירקנדיקער אור־זאַך״ פון העמערל, וואָלט אויף מיר נישט נאָר געפאַלן דער פאַרדאַכט פון אַ לויזשרייפלדיקן דענקען און פּלוידערן, נאָר עס וואָלט אויף מיר אויך געלויערט די געפאַר פון ערנסטערע באַשולדיקונגען. ווייל עס איז לייכט צו באַהויפּטן, קעגן מיינע באַהויפּטונגען, אַז דער קלאַנג איז פאַר־

אורזאַכט נישט פון העמערל נאָר פון דער באַוועגונג וואָס מיין אָרעם האָט מיטגעטיילט דעם העמערל. און ווידעראַמאָל — אַז די אָרעם־באַוועגונג שטאַמט פון דעם פאַרלאַנג צו באַוועגן דעם אָרעם און אַזוי ווייטער און ווייטער, פון איין געשעעניש צום צווייטן, ביז די טרויעריקע געשיכטע וואָלט אירע שפּורן צוריקגעפלאָנטערט צום סאַמע אָנהייב פון „צייט״ — אויב „צייט״ האָט ווען ס׳איז געהאַט אַן אָנהייב. און דאָך וואָלט פונעם גאַנצן שטאַמצעטל שפּורזוכענישן אינעם צימבל־קלינגען קיין איין זאַך נישט געקענט אַוועקגעשטעלט ווערן אַלס די אַבסאָלוטע איינאונאיינציקע „אורזאַך״.

און ס׳זענען פאַראַן אַנדערע אַרגומענטן וואָס אַ דענקער וואָלט געקענט באַנוצן קעגן מיר, אָבער צוליב מאַנגל אין פּלאַץ קען איך זיך אין זיי נישט אַריינלאָזן. איך וויל נאָר צוגעבן אַז אַן דער לייכטסטער אָנשטרענגונג מצד דעם דענקער, קען איך אַוועקגעשטעלט ווערן אין דער לאַגע פון אַ שוטה, און אויב נאָכדעם ווי דער דענקער, האָט געמאַכט פון מיר אַש און שטויב, זאָל ער זיך האָבן אויסגעדרייט מיט דער פּלייצע, און איך זאָל ווידעראַמאָל אַ קלאַפּ טאָן אין צימבל, און אויפסניי באַהויפּטן אַז דער קלאַנג איז איבעראַמאָל פאַראורזאַכט פונעם העמערל, וואָלט איך געווען נישט נאָר אַ טיפּש נאָר אַ ליגנער דערצו.

דאָך — ליגנער, אָדער שוטה, טיפּש צי ליגנער — זאָל מיין נאָמען, פאַרבונדן מיט די צוויי צונעמען, גאַלאָפּירן איבער די הויפּט־שליאַכן פון דער „צייט״ — איך וועל פאַרט זיך האַלטן ביי דעם נאַיוון, פּראַגמאַטישן שטאַנדפּונקט פון דער וויסנשאַפט, און האַבנדיק פאַר זיך אַלע אויססאָרטירטע געשעענישן, וועל איך צוגעבן אַ באַווירקנדיקע אורזאַך „און איך וועל, מיט דער געפעליקער מיטהילף פון לעזער, אָנמערקן די „עפעקטן״ וואָס די „באַווירקנדיקע אורזאַך״ שאַפט.

פון דעם פּינטל A' וועל איך אַראָפּוואַרפן אַ שטיקל טינוף.

דאָס אַראָפּגעוואָרפענע ברעקל, אויב כ׳האָב מיינע ליניעס געצויגן גלייך, וועט לויפן מיט דער געווינלעכער שנעלקייט איבער דעם מאַרשרוט ZY ביז עס וועט קומען אין דירעקטער פאַרבינדונג מיט דעם וואָרט „טשערניצעס״ (פּינטל Y)

איצט קענען מיר באַאָבאַכטן די עפעקטן.

בשעת דאָס פּיצל טינוף, אַרויסגעלאָזן פון פּינטל A' האָט געהאַלטן

אין פאַלן אין אַ פּערפּענדיקולערער ריכטונג צום וואָרט „טשערניצעס“, האָט מר. ראָדעריק קראָפּיש זיין אויג געווענדט, קיין ספק נישט אַז מיט אַ לאַנגזאַמער געשווינדקייט, צו דעם זעלבן פּונקט. און כאָטש די רעלאַטיווע שנעלקייט פון טינוף און מר. קראָפּישעס אויג זענען אין קיין פאַל נישט ענלעך געווען, האָבן ביידע קעגנשטאַנדן דערגרייכט זייער קעגנזייטיקע באַשטימונג פּונקטלעך אין דער זעלבער רגע. נאָכמער, ווי מר. קראָפּיש האָט איבערדערציילנדיק דעם אינצידענט שפּעטערצו גאַנץ ריכטיק באַמערקט, האָט דער פויגל זיין מיאוס שטיקל אַרבעט שוין אַלציינס געמעגט אָפּליפערן גלייך אין אויג אַריין.

אַזוי שנעל ווי דער כזית, „כ׳בעט־אייך־איבער“, האָט געטראָפן וווהין מען דאַרף, האָט מר. קראָפּיש מלא רציחה אַ שמיץ געטאָן די צייטונג אויף דר׳ערד, איז אויפגעשפּרונגען פון דער באַנק און אויסגעגלאָצט די אויגן צום הימל בכדי צו זען וועמען ער האָט צו פאַרדאַנקען די מתנה. אָבער מיט זיין איבערגעאיילטן אויפשפּרונג האָט מר. קראָפּיש אַוועקגענומען נישט נאָר זיך אַליין, נאָר אויך דאָס קעגנוויכט אין וועלכן די באַנק האָט זיך געגנויטיקט אום אָנצוהאַלטן איר גלייכגעוויכט. דער געוויכט־מיטל־פּונקט וואָס האָט זיך מיטאַמאָל איבערגעוויקלט צו דער אומבאַקאַנטער פּעטער דאַמע, האָט פאַראורזאַכט דעם פּלוצימדיקן אַראָפּשווינג פון דעם עק באַנק ווו זי האָט גערוט, און דעם צווייטן עק — אַרויפשווינגן מיט אומגלויבלעכער שנעלקייט. אַזוי‌ערנאָך האָט די באַנק נישט נאָר גרויזאַם אַראָפּגעשליידערט די אומבאַקאַנטע פּעטע דאַמע אויף דעם שפּאַציר־וועג, נאָר אויך געמאַכט אַוועקפליען אין דער לופטן דעם שקאַרמיץ פון וואַנען, ווי מיר האָבן באַמערקט, מר. קראָפּיש האָט פון צייט צו צייט אַרויסגעצויגן אַ באַנאַנע. דער שקאַרמיץ האָט אין פלי פאָרמירט אַ בויגן אָדער אַ „פּאַראַבאָל“, איין עק פון וועלכן איז געווען די באַנק און דער צווייטער עק — דער טראָמבאָן פון אַרטוראָ סטראָמבעליני.

אַז ס׳איז געקומען דער אויסגעצייכנטער מאָמענט ווען אַרטוראָ, סאָלאָ, האָט געזאָלט אַרויסכישופן די „צאַרטע און יללהדיקע טרעמאָלאָ פון זיין טראָמבאָן“, זענען אַלע בליקן געווען געווענדט אויף אים. איבערהויפּט די אויגן פונעם פלאַם־פייערדיקן פּירער, סיניאָר דזשיאָוואַני פּוריאָזאָ, זיינע הענט פאַרויסגעשטרעקט, די האָר צעקוטשמעט און מיט אַ גדלותדיק־צוריקגעוואָרפענעם קאָפּ האָט ער מפסיק געווען, צוגעשלאָסן

זיינע פינקלדיקע אויגן אויף אַ רגע, און ווען דער פּרוכט־שקאַרמיץ איז פאַרשוווּנדן אין טראָמבאָן, האָט ער אַ מאַך געטאָן מיטן שטעקעלע אַלס סיגנאַל פאַר דער ערשטער יללהדיקער נאָטע.

מיט פאַרשנירטע און ציטערדיקע ליפּעלעך האָט דער אומגליקלעכער סטראָמבעליני אַ בלאָז געטאָן, און דער טאָן וואָס איז אַרויס פון טראָמבאָן איז געווען אַזוי חלשותדיק, אַזוי עקלהאַפט, אַזוי עלנט, אַזוי ווייט פון די אַלע מעלות וואָס מיר שרייבן צו צו „שיינקייט", אַז אינעווייניק איז די פּרוכט אויפן שטעל פאַרעיפּושט געוואָרן.

דיאָ פאַרקאָ! האָט אַ קוויטש געגעבן סיניאָר דזשיאָוואַני פוריאָזאָ אַ שליידער טוענדיק דעם באַטאָן צו דעם אומגליקלעכן סטראָמבעליניס קאָפּ.

דאָס שטעקעלע האָט אַ שווינדל געטאָן אין דער לופטן, פאַרפעלט דעם קאָפּ מיט וואָסערע צוואַנציק פוס, און פאַרבייפליענדיק מיט אַ געוואַלדיקער שנעלקייט אַ פאַרסישיע־קוסט האָט עס דערלאַנגט אַ כמאַליע פאַליסמאַן סאַליוואַן אין דער פּאַטילניצע, אין דעם טייל אומגעהייער וואָס איז נאָר־וואָס געווען די נעסט פון די ליידנשאַפטן. פאַליסמאַן סאַליוואַן האָט זיך אַ וויג געטאָן, אָבער קומענדיק שנעל צוריק צו די געדאַנקען און ערינערנדיק זיך אַז עס איז די התחייבות פון דער פּאַליציי צו זיין אויף דער וואַך און פאַרטיידיקן די הויפּטשטאָט קעגן אַלערליי פאַרברעכערישע איבערפאַלן, האָט ער זיך אויסגעדרייט אויפן קנאַפּל, אַ שאָקל געטאָן מיטן „קלאַב" און מיט דער גאַנצער מעכטיקער קראַפט פון זיין רעכטער האַנט אים אַראָפּגעבראַכט אויפן הוילן קאָפּ פון דעם הויכווירדיקן גייסטלעכן סעמועל עקס פונדאַמענט.

דער פּאַסטאָר פונדאַמענט איז אַ באַוווּסטלאָזער נידערגעפאַלן, און ווען פאַליסמאַן סאַליוואַן האָט זיך אַרומגעזען אַז ער האָט אַזוי האַמעטנע מקיים פּסק געווען אַ גייסטלעכן, און שרעקנדיק זיך אַז ער זאָל נאָך נישט אַראָפּגעזעצט ווערן פאַר זיין נישט־איבערגעלייגטער טאַט, האָט ער זיך תיכף געלאָזט לויפן נאָך דעם פּאַסטאָר ווערזיע, וועלכער האָט אומבאַוווּסטזיניק ווען דעם איבערפאַל אויף זיין קאַלעגע, אַלץ שנעל געשפּאַנט, פאַכנדיק מיט די הענט און טענהנדיק אויף אַ הויך קול אַז ער „פאַרדאַרבט שוין גאַרנישט".

אָבער אין דעם מאָמענט ווען פאַליסמאַן סאַליוואַן האָט געזאָלט אַרעסטירן דעם גייסטלעכן, האָט פון די שטיגן פון דער „קירכע פון אויסגלייי־

כונג״ דער יונגער מר. רעדל־דיק, זייגער אין האַנט, באַאָבאַכט דעם טייל פּאַרק אין וועלכן ער האָט לעצטנס באַמערקט די צוויי פּאַסטאָרן. זעענדיק אָבער ווי דער הויכווירדיקער גייסטלעכער פונדאַמענט ליגט אין אַ באַ־וווסטלאָזן צושטאַנד אויסגעצויגן אויף דער ערד און אַז דער פּאָליסמאַן לויפט נאָך דעם הויכווירדיקן גייסטלעכן ווערזיע, האָט מר. רעדל־דיק אָנגענומען דאָס ערגסטע.

ער איז אַריין אין קירכע און צוגעקלעטערט צו אַ בימה.

— די דעבאַטע האָט זיך שוין פאַרענדיקט! — האָט ער אויסגעשריגן.

— פּאַסטאָר ווערזיע האָט מיט 41 רגעס צוריק אַכזריותדיק דערשאָסן פּאַסטאָר פונדאַמענט!

אין די גרענעצן פון דער מענטשלעכער פאָרשטעלונגס־קראַפט איז עס אוממעגלעך צו באַגרייפן אַ מעלדונג — הן לויט דער צייט, הן לויט דעם אָנמעלדן, — וואָס זאָל פאַראורזאַכן אַ שרעקלעכע סעריע אויסברוכן אין די קעפּ פון די פאַרזאַמלטע פאַר דער דעבאַטע. אין ווייניקער ווי צוויי מינוטן האָט אויסגעבראָכן אַן אַלגעמיין געשלעג.

אונטער די פיס פון די קעמפער זענען פרויען און קליינע קינדער צעריבן געוואָרן אין אַ קאַשע. הימן־ביכער האָבן געפייפט אין דער לופטן. עמיצנס אַ טויטלעכע האַנט האָט מיטן שליידערן פון אַן אָנלען קני־קישן אַראָפּגעווישט אַלעמען, דעם אָרגאַניסט בתוכם, פון דעם אָרגאַן־געזעס. דער בעלעמער איז געווען אומגעוואָרפן.

אַלס צוגאָב צו דער סומאַטאָכע, האָט דער באַלקאָן געקראַכט אונטער דער אומגעווײנלעכער אָנשטרענגונג פון דער שלאַכט, אַוועקגעבראָכן זיך און אַראָפּגעזונקען מיט דער קאָכנדיקער מענגע שלעגער אויף די קעפּ פון יענע, וועלכע האָבן אונטן געשטרייט. בשעת מעשה האָט דער מיקראָ־פאָן, האָבנדיק פאַנאַנדערגעטראָגן מר. רעדל־דיקס שוידערלעכע מעלדונג, איצט באַריכט דעם געפּעכט צו זיינע הונדערט מיליאָן שווייגנדיקע צו־הערער מיט אַזעלכע צעשפּליטערטע באַמערקונגען: „קלאַפּ... לאָז זי אָפּ... אייזל... בוכטשע... א. ד. ג.״.

און נאָכדעם ווי די הונדערט מיליאָן שווייגנדיקע צוהערער האָבן פּינקטלעך אויסגעטייטשט אַז אין דער „קירכע פון אויסגלייכונג״ ווערט געפּייערט אַ פיזישע דעבאַטע גיכער ווי אַ גייסטיקע, האָבן זיי מיטאַמאָל פאַרלאָזט די ראַדיאָס און נאָכגעפאָלגט מיט בונטן אין די גאַסן.

באַדאַרף איך באַלעסטיקן דעם לעזער מיט די פּיינלעכע באַשרייבונ־גען פון די נאָכפאָלגנדיקע לינטשערייען, אונטערצינדונגען, צעקאַליעטשונ־גען און בלוט־בעדער? איז עס נויטיק צו מאַכן אַ צעטל פון די קירכן וואָס זענען געפּלינדערט געוואָרן? קאַטאַלאָגירן די נעמען פון די שטאַטסלייט וואָס זענען געפאַלן אונטער דעם מערדערס מעסער און רעוואָלווער? צי דאַרף איך באַריכטן די סטאַטיסטיק פון די פאַרגוואַלדיקטע מיידלעך און באָבעס? באַשרייבן די אויפשטאַנדן אין דער הויפטשטאָט, דאָס פאַרוואַרפן מיט שטיינער פון אויסלענדישע אַמבאַסאַדעס? אַך, ניין, די בלוטיקע גע־שיכטע איז ביי היינטיקן טאָג יעדן איינעם צו גוט באַקאַנט. עס איז דער־פאַר גענוג צו פאַרצייכענען אַז איידער די גלעקער פון דער „קירכע פון אויסגלייכונג" האָבן מיט אַ שעה שפּעטער אויסגעשלאָגן צוועלף טרוי־עריקע קלאַנגען, האָט יעדע מלוכה פאַראָרדנט אירע קריגסשיפן אין אויס־לענדישע וואַסערן און אין אַ האַלבער שעה אַרום האָט דער מלחמה־פלאַקער אַרומגעכאַפּט דעם גאַנצן ערדקוגל.

דעם שפּערלינגס אומבאַוווסטזיניקער שאָס האָט זיך געלאָזט פילן, אויב נישט הערן, איבער דער גאָרער וועלט.

עפּילאָג

גאָט האָט ערנסט און באַזאָרגט זיך געגלעט די באָרד און געזיפצט. דער גערויש פון שטרייט און קאַמף אויף דר'ערד האָט דערגרייכט דעם הימל. ער האָט געקענט פאַרנעמען דאָס ווייטע דונערן פון קאַנאָנען, דאָס הירזשען פון ראַקעטן אָדער דעם פּלוצימדיקן אויפרייס פון אַ מינע אויפ־שפּאַלטנדיק די ערד. און גאָט האָט באַרירט די האַנט פון הייליקן פּעטער.

— ס'איז? האָט ער אַ פרעג געגעבן.

— מלחמה, האָט דער הייליקער פּעטער אַ זאָג געטאָן.

גאָט האָט פּאַמעלעך געשאָקלט מיט זיין גרויסן גרויען קאָפּ.

— נאָך אַ שפּערלינג, האָט ער געמורמלט, האָט זיך אויסגעגליטשט.

(איבערזעצט פון ענגליש)

TABLE OF CONTENTS

EVENING 13
THE TRANSLUCENT TOWER 17
SACRED FRAGMENTS 23
CUI BONO? 29
GOLDEN BROTH AND TIN SPOONS 37
A SUMMER POSTLUDE 43
WHAT THE DEVIL IS IT? 49
MONKEY DANCE 55
A MOMENT IN DAMASCUS 61
THE MOMENT PROLONGED 65
EVERY MOMENT HAS ITS END 68
HIENEH 75
CHAPTERS FROM A NOVEL 79
THE DUCK'S BILL 91
AN INTERPLANETARY EPISODE 97

ESTE LIBRO SE TERMINO DE
IMPRIMIR EL DIA 3 DE ENERO DE 1955 EN LOS TALLERES
GRAFICOS "ZLOTOPIORO HERMANOS", GASCON 1231, BS. AS.

MICHEL LICHT

NOT TO TELL

(STORIES)

★

BUENOS AIRES

1955